# דער ליגנער

## אדער טודרוס בלאַו

א קאמישע אפערעטע אין 4 אקטען

פון

**א. גאלדפאדען.**



**AMKRAUT & FREUND**
Buchhandlung
PRZEMYŚL
1911.

נייעסטער

# טהעאטער־קאטאלאג

## פון אמקרויט עט פריינד, פשעמישל.

### יעקב גארדין'ס דראמען.

| | K | h |
|---|---|---|
| אלישע בן אביה | — | 70 |
| גאָט, מענש און טייפעל | — | 70 |
| געברידער לוריא | — | 70 |
| **דער אמת** | — | 70 |
| **דער מסורה** | — | 70 |
| **די שעהנע מרים** | — | 70 |
| **דער שארלאטאן** | — | 70 |
| **דוד'ל משורר** | — | 70 |
| די שחיטה | — | 70 |
| דער ווילדער מענש | — | 70 |
| דבורה'לע מיוחסת | — | 70 |
| די אמת'ע קראַפט | 1 | — |
| דער אונבעקאנטער | — | 70 |
| חאשע די יתומה | — | 70 |
| יודישער קעניג ליער | — | 70 |
| מירעלע אֶפרת | — | 90 |
| סאַפּהאָ | — | 70 |
| קרייצער סאָנאַטע | — | 70 |
| קרייצער סאנאטע אמערי־ | | |
| קאנישע אויסגאבע | 1 | — |

### שלום אש'ס דראמען.

| | K | h |
|---|---|---|
| גאט פון נקמה | — | 90 |
| משיח'ס צייטען | — | 90 |
| אמנון ותמר | — | 75 |
| מיט'ן שטראָם | — | 60 |
| אים ווינטער | — | 45 |
| דער זינדיגער | — | 45 |
| דער לאנדסמאַן | 1 | — |

### פרץ הירשביין'ס דראמען.

| | K | h |
|---|---|---|
| איינזאַמע וועלטען | — | 30 |
| דער תקיעת כף | — | 70 |
| די נבלה | — | 40 |
| די ערד | — | 70 |
| וויטע און נאהנט | — | 35 |

| | K | h |
|---|---|---|
| יואל | 1 | — |
| קברים בלומען | — | 60 |

### יאזעף לאטיינער'ס דראמען.

| | K | h |
|---|---|---|
| **יודאַלע דער בלינדער** | | |
| **אדער אמת ושכר** | — | 70 |
| **עזרא דער עוויגער** | | |
| **יודע** | — | 70 |
| **די סדר נאכט** | — | 70 |
| **בת שבע** | — | 70 |
| דוד'ס פידאלע | — | 60 |
| בלימה'לע | — | 60 |
| חרבן ירושלים | — | 70 |
| הינקע פינקע | — | 70 |
| מישקע מאָשקע | — | 70 |
| שרה שיינדעל | — | 70 |
| מאמאָן דער געלדגאָט | — | 60 |
| שלמה גאָרגעל | — | 70 |

### הענריך איבסען'ס דראמען

| | K | h |
|---|---|---|
| די גייסטער, | — | 90 |
| די פרוי פון ים | 1 | — |
| נאָראַ, איבערזעצט פון | | |
| י. ווינטשעבסקי | 1 | — |
| הערדאַ גאַבלער, איבערזעצט | | |
| פון א. ים | 1 | — |
| דער בוימייסטער, איבערזעצט | | |
| פון א. גאלדווין | 1 | — |
| ראָזמערסהאָלם, איבערזעצט | | |
| פון א. גאלדווין | 1 | — |
| דער קליינע עאָלף, איבער־ | | |
| זעצט פון ק. טעפער | 1 | — |

### י. ל. פרץ'ס דראמען.

| | K | h |
|---|---|---|
| אין פאָליש אויפ'ן קייט | — | 90 |
| ביי נאכט אויפ'ן אלטען מארק | 1 | — |
| די גאלדענע קייט | — | 90 |
| שאמפאניער | — | 25 |

# דֶער לֵיגְנֶער

אדער

# מוֹדְרוּם בְּלָאז

קאמישע אפערעטע אין 4 אקטען

פון

א. גאלדפאדען.

פערלאג פון אמקרויט עט פריינד, בוכהאנדלונג, פשעמישל.

Главная продажа у Амкраута и Фрайнда, въ Пржемышлѣ.
Типографія О. Л. Дейтшера, Подгурже-Краковъ.

# פערזאנען:

איציקעל, איין יונגער שארלאטאן.
טודרוס, זיין דיענער.
גדליה, זיין פעטער.
משא כתן, ווירטהין פון האטעל.
ניב איהם, איהר מאן.
מאיר, א רינדאר.
יענטע, זיין פרוי.
מחלה, זייער טאכטער.
סאפיע, א וועשערמיידעל.
א שניידער.
א שוסטער.
א דיענסט אין גאסטהויז.
טודרוסיענס באבע.

פאליציילייט, געסט בעל הובות, בויערן בייערינען עטצ.

# ערשטער אקט.

(א ארים צימער, רעכטס א טישעל מיט א בענקעל, אין דער מיטען א לאנגע באנק.)

טודרוס, בעלי חובות, קאהר.

**קאהר:** וואס וועלען מיר דא אויסזיצען,
וועלכע שווארצע יאהר?
אונז לאזט ער דא שוויצען,
קראנק מאכט ער זיך גאר!
ער לעבט זיך ווי א קייזער'ין
און מיינט מיר זענען הינד.
אז ער וועט אונז דערבייזער'ן } ביס.
וועט וועה איהם זיין און ווינד.
נו, וואס ענפערסטו ניט? (ביס.)
אט זעהט נור דעם, אט זעהט!
אין זיין ווירט געראטען,
ער מיינט ער האט זיך אויסגעדרעהט.
נו, וואס ענפערסטו ניט?

**טודרוס:** א נו, געהט אייך! א נו, נו, נו, נו, נו, נו, נו!

**קאהר:** וואס וועלען מיר דא אויסזיצען?

(ביז „נו וואס ענפערסטו ניט".)

**טודרוס:** איי, געהט אייך און לאזט מיך צורוה. איך האב דאך אייך שוין געזאגט, איציקעל וועט באלד קומען וועט איהר מיט איהם רעדען. אין א שעה ארום וועט איהר איהם דא גאנץ בעשטימט טרעפען (אלע אב.) נא דיר גאר בעלי-חובות אויף מיין קאפ! איציקעל'ס מסחרים! נו, נו!

(אויפטריט איציקעל, פויפענדיג.)

**טודרוס:** זאלסט בעסער געוועהן זעהן ווי דיינע בעלי־חובות זענען מיר
דא בעפאלען. איך האב זיי דאך קוים אוועק געטריעבען פון
מיר!

**איציק:** וואס טוינען מיר די טענות? עסען ברענג מיר, ווייל איך בין
הונגעריג!

**טודרוס:** עסען! עסען! שריי פון היינט ביז מארגען עסען. אז מען גיעט
אבער פארט נישט. איך אליין, גלויב מיר, וואלט אויך עפעס
געגעסען.

**איציק:** וואס הייסט מען גיעט נישט? מען מוז געבען! געה זאג דער
בעל-הבית'טע פונ'ם האטעל, זי זאל נאך בארגען כאטש איין
מיטאג.

**טודרוס:** זי וויל אונז שוין מעהר נישט געטרויען.

**איציק:** זאג איהר, אז מיינס א רייכער פעטער וועט באלד שטארבען.
איך וועל בעקומען א גרויסע ירושה און וועל איהר דאפעלט
בעצאהלען.

**טודרוס:** איך האב איהר דאס שוין הונדערט מאל געזאגט, אבער זי
ענטפערט, אז דער פעטער שטארבט שוין 3 חדשים און איז נאך
אלץ נישט געשטארבען.

**איציק:** וואס דען טהוט מען? אוי ביזטו א בהמה! מען טהוט מיט דער
בעל הבית'טע, אזוי ווי איך טהו מיט'ן מיידעל וואס קומט מיך
מאהנען פאר וועש. דו קענסט נאך נישט די ווייבער, מען מאכט
זיי א חנ'דעל, א קאמפלימענטעל, פערגעסען זיי דערוויייל צו
מאהנען.

**טודרוס:** ברודער, דאס מאכל עס איך נישט! ערשטענס קען איך מיט
קיין אשה נישט טרייבען קיין כטעות, ווייל מיין יצר הרע האט
פיינט צו שפעטען. צווייטענס, ווייל די בעל־הבית'טע ווארפט

אויף דיר אנאייגעל און מיך קען זי גאר נישט אנקוקען. פאר וואס׳זשע שארסטו דיך צוין איהר נישט צו? (איציקעל פייפט זיך צו.) פייף נישט איציק. ווייל אין א יודישער שטוב טאר מען נישט פייפען.

**איציק:** מילא וואס דען זאל איך טהון, זאל איך אפשר גאר נישט עסען?

**טודרוס:** נו און פייפען איז דען א מיטעל געגען הונגער? פייפען קומט צו נוץ די שקצים אין טעאטער, ווען זיי ווילען ארויסרופען דעם קאמיקער, אבער...

**איציק:** אבער עסען וויל איך דאך פארט, עסען! גוואלד! וואס טהוט מען?

**טודרוס:** וואס הייסט, וואס מען טהוט? מען טהוט דאסזעלבע וואס איך טהו. איך אליין בין אויך הונגעריג. אז דער רוח נעמט מיך אוש שיער צו.

**איציק:** נו, וואס׳זשע טהוסטו?

**טודרוס:** איך מאך מיט די ליפען.

**איציק:** דיר זענען איצט גאר ווערטליך אין זינען? ביזט דאך פארט נישט קיין נאר, הלעהר עפעס אוים א שעהנעם ליגען, אבי מיר זאלען איבערקומען דעם טאג און מארגען בין איך געלאדען צו מיין כלה.

**טודרוס:** אז וועסט געהן זאלסטו נור אין מיר נישט פערגעסען. איך בין דאך דער גאנצער שדכן, סיין שדכנות געלד וועל איך דאך אוודאי נישט נעהמען, זאל איך ווענינגסטענס געבען דיר געניסען א חיי שעה.

**איציק:** הער שוין אויף צו טענה׳ן, ווייל איך עס דיך אויף מיט די ביינער.

**טודרוס:** אַזוי די עסט שוין מענשענפלייש (אב).

**איציק:** איך בין שוין איצט זאַט מיט דער מאָרגענדיגער ווייזט׳ כ׳לעבען ער איז אַנ׳אַנשטענדיגער, רייכער בעל-בית, אַ גראָבער יונג און האָט אַ קליינשטעדטעלדיגע מויד, וואָס הערט מיך אַז איך וועל ווערען אַ חתן אויף עטליכע שעה איך זאָל נאָר אויסצאַפּען די עטליכע גולדען איך זאָל קאָנען מאַכען אַ פּליטה פונים שטעדטיל? ווייל איך האָב מורא איך וועל דאָ מיאוס אָבשניידען, אוי! אוי! און דאָ בין איך איך מיטען דרינען פערליעבט. און דאָ בין איך הונגעריג. אוי, אַ ביטער מאַזל צו זיין פערליעבט און הונגעריג!

## I.

מענסט דאָס ויסע גלויבען איך
אַז איך האָב דיך נישט פערגעסען
דיך צו ליעבען האָב איך קיין כח
ווייל איך האָב נאָך נישט געגעסען } ביס

## II.

געדענקסטו נאָך די צייט פון פריהער
ווען מיר זענען ביידע געזעסען
איך וואָלט דיך איצט אויך צוגעדריקט צו מיר
נאָר ערשט נאָך דעם עסען } ביס

## III.

איך בין אומעדוג אָהן דיר אַליין
אויפ׳ן הערצען טהוט מיך פרעסען
איך וואָלט געטאַנצט ווען איך זאָל דיך זעהן
נאָר קיין טאַנץ געהט נישט פאַר קיין עסען } ביס

(אויפטריט טודרוס מיט עסען).

**טודרוס:** קוים מיט צָרות און מיט לֵייד האָב איך גֶע׳פּועל׳ט בַּיי דֶער בַּעל־בַּיִת׳טֶע זי זאָל מיר געבֶען דאָס מיטאָג, זי האָט מיר גֶעזאָגט, אַז קוים שְׁטַארְבְּט נישט דֶער פֶעטֶער בַּאַלְד, אַזוי מֶעגֶען מיר אויסְגֵעהן פַאר הונגֶער ווייל עס קומט איהר שוין אֵיין פֶערְמֶעגֶען, נאָר פְרִיהֶער מֶעגְסְטוּ דיך גֵעהן וואַשֶׁען, איך האָב מיך שוין גֶעוואַשֶׁען אין קֶעך.

**איציק:** הֶע, וואָס הֶער איך דיך, אַבּי איך האָב אַצינְד עֶסֶען, אויף מָארְגֶען זאָל זיך גאָט זאָרְגֶען. (ער זינגט גערענקסטו גוט).

**טודרוס:** דאָס איז גוט נאָכ׳ן בֶּענְטְשֶׁען! פון דֶעסְטְוֶועגֶען איציק׳ל וואָלְט איך דיך גֶערָאטֶען זאָלְסְט נישט עֶסֶען ווייל עס איז נישט פְרִיש, איך האָב גֶעזֶעהֶען ווי זי האָט עס צוזוּיפְגֶעטְרָאגֶען פון עֶטְלִיכֶע טֶעפּ ווי עס שְׁטֶעהט בַּיי איהר פֶערְשִׁימֶעלְט, ווייל די וואָס צָאהלֶען איהר מוז מֶען גוט עֶסֶען גֶעבֶּען, און די וואָס נֶעהמֶען אויף בָּארג, גיט זי וואָס עס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פון עֶטְלִיכֶע טֶעג! איך רָאטְה דיך זאָלְסְט נישט עֶסֶען וואָרים דו בִּיזְט אַ פֶערְצֶערְטֶעלְט קִינְד און דו האָסְט אַ אֵיידְלֶען מָאגֶען.

**איציק:** שַׁאט נישט, שַׁאט נישט.

**טודרוס:** גֶערֶענְקְוֶשֶׁע איך זאָל נישט שולְדִיג זַיין, דאָס גֶעזִינְד איז טֵייעֶרֶער, דֶער דָאקְטָאר וועט דיך טֵייעֶרֶער קָאסְטֶען וויפיעל דאָס גַאנְצֶע מיטאָג בֶּעטְרֶעפְט.

**איציק:** וואָסְוֶשֶׁע דֶען זאָל איך טְהוּן צו אַלֶע רוחות, אַז איך האָב אַ שְׁרֶעקְלִיכֶען אַפֶּעטִיט.

**טודרוס:** הֶער דֶעם אַפֶּעטִיט ווי דֶעם קוֹטֶער און די פָאלְג בֶּעסֶער מַיין עֵצָה.

**איציק:** אַזוי וואָס?

**טודרוס:** גיב עס מיר אַוֶועק.

**איציק:** עס שַׁאט דאָך אָבֶער.

**טודרוס:** מיר שאַדט נישט! דאָס קען נאָר שאַדען אונזערע דייטשע מאַגענדלעך ווי דו האָסט, אָבער מיין מאַגען איז שוין אויסגעאַרבייט, אַז ער האָט געקענט פֿערטראָגען דעם פֿליישקויגעל מיט רינדערן שמאַלץ וועט ער דאָס אַוודאי קענען פֿערטראָגען.

**איציק:** נאַ, נאַשע דיר... אַ מכּה.

**טודרוס:** איציקל האָב רחמנות אויף דיינע יונגע יאָהרען, עס האָט קיין סך נישט, לאָז עפּיס איבער פֿערגעס נישט אַז דיין טאַטע איז געשטאָרבען האָט ער דיך איבערגעלאָזט אויף מיינע הענד און האָט מיר אָנגעזאָגט טודרוס... דו ביזט מיין געטרייער דיענער פֿון לאַנג, דו ווייסט ווי מיין איציקל איז ביי מיר ערצויגען, היט איהם אָב פֿון דיך אַליין, נו געגוג! געגוג!

**איציק:** נו דערציעהל ווייטער! וואָס נאָך האָט ער דיר אָנגעזאָגט פֿאַר'ן טויט?

**טודרוס:** איך געדענק נאָך ווי היינט ווי דיין טאַטע האָט דאָרט געהסט פּונקט ווי דאָס בעטל שטעהט (איציק קוקט, טודרוס חאַפּט אויס און עסט).

**איציק:** נו נו?

**טודרוס:** ער האָט מיר אָנגעזאָגט אַז דו זאָלסט דיך מיט מיר טיילען מיט יעדען ביסען צום סוף זעה איך אַז ס'וועט מיר גאָר נישט בלייבען.

**איציק:** דערצעהל, דערצעהל ווייטער.

**טודרוס:** נאָך אַ תּענית איז שווער צו רעדען. אַהאַ איך הער שוין דאָס קול פֿונ'ם שניידער, ער געהט שוין דו זאָלסט איהם.

(אויפטריט שניידער).

**שניידער:** ווי איז המן, אָט איז ער דאָ, און גוט וואָס איך האָב אייך געטראָפען! איך זאָג אייך נאָך אַמאָהל בעצאָהלט איהר מיר נישט פֿאַר מיינע אַנציגע וואָס איך האָב אייך געמאַכט.

**איציק:** אָט באַלד וועט דער פֿעטער שטאַרבען, וועל איך אייך שוין צאָהלען.

**שניידער:** מַה לָּבָן הַיּוֹם? וָואס מִיר פֶּעטָער. וָוער מִיר פֶּעטָער? אִיךְ וַוארְט שׁוֹין גֶענוּג, דָאס אִיז אַ תִּירָץ פַּאר דִי בֶּענְטְשְׁלֶעכְט! בְּעצָאהלְט אִיהר מִיר נִישְׁט אַצִּינְד אַזוֹי וָועל אִיךְ מַאכֶען אַ גֶעוַואלְט אַז מֶען וָועט זִיךְ צוּנוֹיפְלוֹיפֶען פוּן אַרְבַּע מִיסֶעם בְּעוֶען.

**טודרוס:** מֵילָא פַאר אַייער שְׁרֵייעֶן שְׁרֶעק אִיךְ מִיךְ נִישְׁט, אָבֶער נָאר פַאר אַייער לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ הָאבּ אִיךְ מוֹרָא אִיהר וָאלְט נִישְׁט וָוערֶען אַ רָב אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶעדְטִיל.

**שניידער:** קַאטְעוּת אוֹיף אַ זַייט. אִיךְ רֵיים פוּן דִיר אַרָאבּ מֵיין רָאק וָועסְטוּ בְּלַייבֶּען בְּקַלוּת ראש.

**איציק:** וַוייסְט אִיהר וָואס? מַאכְט מִיר נָאךְ אֵיין אִיבֶּערְצִיהֶער וָועל אִיךְ אַייךְ שׁוֹין אִין אֵיינֶעם בְּעצָאהלֶען.

**שניידער:** לא מְדוּקָצִיךְ וְלא מֵרוּקְצֵיךְ. אִיהר שִׁיט מִיר נִישְׁט קֵיין וַואלְץ אוֹיף מֵיינֶע וואוּנְדֶען. אִיךְ טְרֶעט אַייךְ נִישְׁט אָבּ בִּיז אִיהר וָועט מִיר נִישְׁט גֶעבֶּען מֵיין הַנְּשָׁמָה לָךְ.

**איציק:** (צו טודרוס) נוּ וָואס שְׁוַואנְסְטוּ אִידֶם?

**טודרוס:** אַנוּ זַייט אַזוֹי גוּט און וֵילֵךְ.

**שניידער:** וְיִתֶּן לְךָ וִוילְסְט מִיךְ נָאךְ אַרוֹיסְטְרֵייבֶּען? אִיךְ רֵיים דִיר אַרָאבּ דִי בָּארְד עַד פְּרוּטָה אַחֲרוֹנָה, דָא בְּלַייבּ אִיךְ, דָא הַאלְט אִיךְ שַׁבָּת.

**טודרוס:** חָאלִי דִיךְ אַנִידֶער!

(אויפטריט שיסטער).

**שיסטער:** נוּ נוּ אַזוֹי הֶעפְּטִיג!

**טודרוס:** אָט הָאסְטוּ דֶעם שִׁיסְטֶער דֶעם דַייטְשׁ.

**שיסטער:** ווינְשֶׁע גוּטֶען אַפֶּעטִיט.

**טודרוס:** צוּ דֵיין קָאפּ! אַפֶּעטִיט אִיז דָא גֶענוּג נָאר עֶסֶען וָועניג.

**איציק:** דַאנְקֶע! בִּיטֶע מִיט!

**טודרוס:** זאָל דיך גאָט אָפּהיטען איציק'ל האָסט דאָך אַליין נישט, קוק(ט)
אָהן דעם בעל צדקה.

**שניידער:** יאָ יאָ צדקה תציל ממות ריים פון איהם אַראָב דעם ראָק.

**שוסטער:** אַלזאָ ווי געהט עס? האָבען זי שוין איהרע ערבשאַפט בעקומע(ן)

**טודרוס:** נו דאָ טענה די דיך שוין אוים מיט איהם, דאָס איז טיעף דייטש

**איציק:** ניין, נאָך נישט! זי וועלען ענטשולדיגען, איך האָף מיט יעדען טאָ(ג)

**שוסטער:** אָבער איך וואַרט שוין אַזוי לאַנג?

**איציק:** נון וואָס קאָן מען מאַכען? מען מוז וואַרטען?

**שוסטער:** אַבער דאָס איז צו פיעל, איך קאָן שוין לענגער נישט וואַרטע(ן)

**איציק:** נו וואָס איז צו מאַכען?

**טודרוס:** קען נישט באמונה שלי.

**שניידער:** אם אין לי מי לי די חניאק די מיש דיך נישט.

**שוסטער:** וואָס קימערט דאָס מיך? זי האָבען ביי מיר סחורה גענומע(ן)
אַזוי מיסט איהר מיר בעצאָהלען.

**איציק:** יאָ, ווען איך האָב אָבער נישט?

**טודרוס:** טאָמער וואָלטען מיר איהם געסילוקט מיט אַ פּאָר אַלט(ע)
חאַלעוועס?

**שוסטער:** מיין העררר דאָס געהט מיך נישט אָן, ווען זי מיר נישט יעצט
צאָהלען זאָ ווערדען זי מיר געריכטליך צאָהלען מיסען;

**שניידער:** אָט אַזוי, אָט אַזוי, זיי איהם מכבד.

**איציק:** די שפּאַסען?

**שניידער:** אָט אַזוי טיעף דייטש?

**איציק:** זי שפּאַסען, מיין העררר!

**שוסטער:** אָה ניין, איך זאָגע עס איהנען אים פאָללען ערנסט.

**שניידער:** גוט, גוט נאָך טיעפער דייטש.

**איציק:** טודרוס, טאַטער וואַלסטו איהם געוועהן פון דאַנען צו פּטר'ן.

**טודרוס:** ער וועט דאָך אָבער מיין דייטש נישט פערשטעהן.

**שוסטער:** נון, וואָס שווייגען זי? גלויבען זי דאָס איך איהר נאר בין?

**טודרוס:** מיין הערר, נעהמען זי זיך דעם דרך.

**שוסטער:** וואָס? מיך אַרויסשמייסען?

**טודרוס:** איהר זעהט ווי ער פערשטייט מיך, איך שמיעס אַ פּנים נישט דייטש?

**שוסטער:** איך זאָגע איהנען צום לעצטען מאהל צאהלען!

**טודרוס:** איך זאָגע איהנען צום לעצטען מאהל נעהמען זי זיך דעם דרך?

**שוסטער:** אָבער זייען זי ניכט זאָ קעק, זי קעקער קערל!

**טודרוס:** הערט, ער זאָגט מיר נאר אַווינס, וואָס ס'איז מיאוס פאר אַ יודיש מויל צו ברענגען, ער מיינט אַז איך פערשטעה נישט וואָס ער זאָגט? אַז דאָס וואָס איז אין דייטשען מיט אַ סגול איז אין יודישען מיט אַ פּתח.

**שוסטער:** ניין איך בלייבע דאַ, איך געה ניכט!

**טודרוס:** בלייב דאָ אויף צרות.

(אויפטריט משא מתן, גיב איהם).

**משא מתן:** האָט איהר געהערט אַזאַ משא מתן? אַזוי פיעל יאהר בין איך בעל-הבית'טע און האַלט דאָס האָטעל, האָט זיך מיר אַזאַ משא מתן נישט געטראָפען, זיצען זיך אויף מיין קאָפּ און איך וועה קיין גרייצער נישט, וואָס שווייגסטו קאַלערע מיינער?

**גיב איהם:** גיב איהם.

**איציק:** נאָר אָהן געוואַלד, איהר האָט אַזוי פיעל געוואַרט וועט איהר נאָך אַביסעל וואַרטען, דער פעטער וועט באַלד שטאַרבען, וועל איך אייך אָבגעבען דאָפּעלט, איהר מעגט מיר גלייבען אויף מיין נאמנות.

**משא מתן:** אייער נאמנות? מיר קענען שוין אייערע משא מתנ'ס, איהר

װענט נאר א צװאנער אבער אז עם קומט צו צאהלען איז קײנער נישטא אין דער הײם. גיעט מיר מײן געלד און ציהט אײך ארױס פון מיר, איך זיך נישט אװינע משא מתנ'ם, װאס שװײנסטו באלערע מײנער!

**גיב איהם:** גיב איהם.

**טודרוס:** אט דעם משא מתן, װאס שװײגט ער און לאזט אזא שעהנע אשה זיך אױסרײסען דעם האלדז?

**משא מתן:** חוזק! די פלאסקעדריגע די, דיר װעל איך געבען אװינם װאס דו האסט עם נאך קײנמאל נישט געהאט! די שקרון די ליגנער דו האסט דאך מיר צוגעזאגט גאלדענע משא מתנ'ם. אז דער יונגער מאן איז רײך און מיר װעלען אױך רײך װערען דורך איהם. איך בין שוין אײך מוחל דעם גאנצען משא מתן, בעצאהלט מיר נאר און געהט אײך. האט איהר געהערט! װאס האט איהר צו מיר? װאס שװײגסטו באלערע מײנער!

**גיב איהם:** גיב איהם.

**טודרוס:** מילא, איהר דארפט דאך נישט שרײען, װארן פערשטעהט איהר מיך. איהר קענט נאך ארײנפאלען אין אן־אומגליק! פארװאס האט איהר איהם נישט געגעבען קײן פריש עסען! איהר װײסט נישט אז דאס איז אײן עדעל משא מתנדי׳ל און אז עם װעט איהם שאטען װעט איהר שולדיג זײן, איהר װעט נאך האבען א גאנץ פראצעס אויף זיך. איהר זעהט װי ער קנײטשט זיך?

**משא מתן:** קוק נאר אן דעם פלאסקעדריגע, ער רעד נאך אז בײ מיר איז נישט קײן פריש עסען, דאס װעט נאך קײנער נישט דערלעבען איך האלט שױן ברוך השם דאס האטעל צעהן יאהר און קײנער האט נאך נישט געזאגט אזא, אזא. װאס שװײגסטו באלערע מײנער!

**גיב איהם:** גיב איהם.

**איציק:** (קנײטשט זיך) אױ דער בױך

**טודרוס:** װעה איז מיר!

**משא מתן:** קוק נאר אן װי ער קרומט זיך. צו נעמען האט ער זיך גאר ניכט געקרומט. אט נעהט נעביך דאס מיידעל פון דער װעש און נאך בעל חובות. עס קומט זיי אזוי פיעל געלד.

**טודרוס:** דאס איז ניכט אייער משא מתן. דאס איז שוין אונזער זאך. איהר װעט אייך שוין פערענטפערען. דאס עסען האט איהם געשאט. נעה איציקעל ריה דיך אוים און איך װעל געהן נאך א דאקטאר.

(אויפטריט קאהר בעל חובות).

**קאהר:**
װאס װעלען מיר דא אויסזיצען
װעלכע שװארצע יאהר.
אונז לאזט ער דא אויסשװיצען
קראנק מאכט ער זיך גאר.
ער פעסטעט זיך װי א רייכער מאן
ער מיינט מיר װעגען הינד.
אז ער װעט אונז ניכט צאהלען פיין } ביסט
װעט װעה איהם זיין און װינד.
װאו אהין װיל ער געהן?

**איציק:** אוי... אוי. אוי. אוי. פיין בויך. (אב).

**קאהר:**
נא װאס זאגט איהר צו דעם שװינדלער
אוי. אוי. אוי. אוי!
אט װעהט נאר דעם אט װעהט.
איהם װעט ניכט געראטען
ער מיינט ער האט זיך אויסגעדרעהט.
נא װאס ענטפערסטו ניכט.

**טודרוס:** אוי ט. געהט אייך. אוי ט. ט. ט!

**שניידער:** איך רייס פון דיר אראב דעם ראק.

**שוסטער:** און איך מיינע שוהע.

**משא מתן:** מיין משא מתן גיב די הניאק!

**אלע:** מיר געבען דיר קיין רוהע.

**טודרוס:** אנו...

**כאהר:** וואס וועלען מיר דא — א. ז. וו...

**טודרוס:** הרחמן הוא יזכנו.

**שוסטער:** וואס זאגט ער דארט?

**שניידער:** ער זאגט אונז אלע אינאיינעם ישקנו.

**משא מתן:** איך געה, ווארט, ווארט, וועסט האבען א משא מתן! (אב מיט גיב איהם).

**שוסטער:** ווארט, ווארט! וועסט זעהן דא קעקער, קעקער קערל! (אב)

**שניידער:** הללוהו כל צבאם, אלע הינד זאלען מיט דיר האנדלען. (אב).

(אויפטריט זאפיע).

**זאפיע:** געהט, געהט, נאר איך בלייב דא, נאר הער אויף צו אויקען טודרוס.

**טודרוס:** אה די ביזט עס? נו צו דיר בין איך שוין נאכ'ן בענטשען.

**זאפיע:** וואו איז איזאק?

**טודרוס:** זאק? מארגען קענסטו איהם רופען טארבע, ער איז געוועזען א ציטערדיג קינד, איהם האט מען שטענדיג גערופען איציקעל.

**זאפיע:** נו וואו איז ער ערגיץ אוועקגעגאנגען?

**טודרוס:** איך וועל דיר זאגען, דו ביזט דאך אוודאי איהם געקומען מאנען געלד פאר דער וועש וואס דו האסט איהם אויסגעוואשען און אויפגענעהט, זאג איך דיר אז ער איז נישט געזונד.

**זאפיע:** ניין, איך בין איהם נישט געקומען מאנען געלד איך האב איהם נאך געבראכט געלד.

**טודרוס:** אויב אזוי, איז ער געזונד, איציקעל דו מעגסט אריינקומען, ווי אזוי זאל איך איהם זאגען, ווער דארף איהם?

**זאפיע:** וָאפִיָע!

**טודרוס:** איצִיקָעל קוּם אַריין די רָאפִיָע איז דָא.

**איציק:** (פון אינווייניג) אַ דֶעפֶּעשֶׁע פון מֵיין אָנְקֶעל אַז עֶר איז גֶעשְׁטָארְבָן?

**טודרוס:** ניין, דַוְקָא אַ לֶעבֶּעדִיגֶע.

(אויפטריט איציק)

**איציק:** אָה וָאפִיָע וָואס מַאכְסְטוּ? טודרוס גֶעה אַרִיבֶּער אין דֶער צוּקֶערְנְיֶע און כַאפּ אַרִיבֶּער עֶטְלִיכֶע שְׁטִיקְלֶען בֶּעקֶערַיי און אַ פְלַאשׁ וויין.

**טודרוס:** וָואס הֵייסְט כַאפּ? בַּיי דִיר כַאפְּצִיךְ עָם עֶפִּים אַזוֹי גְרִינְג?

**איציק:** גֶעה נֶעם אַריין.

**טודרוס:** דוּ מֵיינְסְט עֶם עֶרְנְסְט?

**איציק:** אין עֶרְנְסְט, נוּ גֶעה!

**טודרוס:** נוּ און די מַמְתָּקִים? מִי יְשַׁלֵּם?

**איציק:** גֶעה עֶר וֶועט דִיר גֶעבֶּען אָהן גֶעלְד, עֶר איז אַ גוּטֶער מֶענְשׁ.

**טודרוס:** אִיךְ בִּין מְסוּפָּק, ווייל דַאם לֶעצְטֶע מָאל וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶועהן בַּיי אִיהם הָאט עֶר מִיר נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעטְרוֹיעֶן און פְרֶעגְט מִיךְ נָאךְ אַלֶּץ צִי דֶער פֶּעטֶער וֶועט נָאךְ נִישְׁט הָאבֶּען גֶעשְׁטָארְבֶּען וֶועל אִיךְ אַלֵיין פָאהְרֶען מִיט דֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת עֶר זָאל בַּיי אִיהם די נְשָׁמָה צוֹנֶעהמֶען, הַיינְט וָואס זָאגְט מֶען צוּ אִיהם אַז דֶער לֶעבְּט נָאךְ און מִיר וֶועגֶען מֵתִים.

**איציק:** נוּ גֶעה גֶעה, וֶועסְט אִיהם שׁוין עֶפִּים פָארְזָאגֶען.

**טודרוס:** שְׁרַייבְּזְשֶׁע אִיהם חָאטְשׁ אַ קְווִיטֶעל בְּפֵירוּשׁ, עַל הַשְּׁבוֹן נוּ סַךְ הַכֹּל אַזוֹי פִּיעל בֶּעט טודרוס און גֶעלְד וֶועט אִיהר הָאבֶּען עָלָיו הַשָּׁלוֹם אַז דֶער פֶּעטֶער וֶועט הָאבֶּען די מַפָּלָה — אִיצִיקְ׳ל.

**איציק:** (שרייבט) נַא און גֶעה!

**טודרוס:** וָואס הָאסְטוּ דָא גֶעשְׁרִיבֶּען? נוּ ווי אִיז דֶער נָאמֶען אִיצִיקְ׳ל?

**איציק:** גֶעה גֶעה וָאג אִיךְ דִיר מַאךְ קֵיינֶע גֶעשֶׁעפְטֶען! נוּ וָאפִיָע! אָנָא בַּעַל

חוב ווי דו ביזט איז מיר ועהר אנגענעהם, דאס וואס דו מאהנסט ביי מיר האב איך דיר שטענדיג צו געבען, טרייע ליעבע קענסטו ביי מיר שטענדיג פינדען.

**טודרוס:** מען זאל קענען אלע בעל חובות מיט דעם סילוקיען וואלט אפילו נישט שלעכט געוועזען.

**איציק:** נעה, נעה שוין!

**טודרוס:** איך נעה שוין... עס זאל זיין צו א רפואה. (אב)

**זאפיע:** זעהסטו ווי גוט איך בין דיר? איך האב דיר אויפגענעהט וועש, און חאטש די מאמע שרייט אויף מיר און שיקט מיך אלע טאג מאגען, פונדעסטוועגען ברענג איך דיר נאך געלד!

**איציק:** לאנג לעבען זאלסטו! האסט מיר ווידער געבראכט געלד? איך דארף טאקי נעטהיג האבען, מיין הערצענס פריינדין, לאז נאר דער פעטער שטארבען, פערשטעהסטו, ווייל ער איז קארג ער האט א סך געלד, נאר ביים לעבען וויל ער גאר נישט געבען, שטארבט ער אבער, אזוי בין איך דער איינציגער יורש און מיר וועלען קענען דער־רייכען אונזער ציעל. עס הייסט מיר וועלען קענען ביידע גליקליך זיין.

(זאפיע, איציק זינגען).

**זאפיע:** אוי! עס זאל נאר אמת זיין,
יא מעג איך דיר דאס גלייבען אויף געווים
וואס גיבסט מיר פאר א גארנציע

**איציק:** דאס מעגסטו מיר גלייבען אויף געווים
דאס שווער איך דיר הייליג צו.

**זאפיע:** יא שפעטער קענסטו אבער זאגען —
וואס האב איך געטהון,
וואס טוינ עס מיר,

**איציק:** ניין, שפּעטער װעל איך דאָס ניט זאָגן —
א גאַראַנציע אָט האָסטו דיר,

**ביידע:** א גאַראַנציע (קושען זיך, ביסס).
איך האָב דיך ליעב ביז אין גרוב.

**זאפיע:** יאָ אַז מען איז אָרעם זאָגט מען אַלעם צו —
צו האַלט מען װאָרט אַז מען װערט רייך,

**איציק:** דער װאָס האַלט קיין װאָרט אַז ער זאָגט צו,
דער איז ניט װערט צו װערען רייך.

**זאפיע:** יאָ שפּעטער. א. ז. װ...

(אויפטריט טודרוס מיט װעניגער באָרד).

**טודרוס:** װעה איז מיר, אָט נעה מיר ברענגען אַביסעל װאַסער ראַטעװעט!

**איציק:** װאָס איז?

**טודרוס:** איך האָב געמיינט איהר זענט פאַרחלושט געװאָרען?

**איציק:** נו װאָס הערט מען?

**טודרוס:** דאָס הערט מען!

**איציק:** נו?

**טודרוס:** נו, נו!

**איציק:** װאָס הערט זיך. ער האָט דיר געגעבען?

**טודרוס:** ניין, ער האָט נאָך ביי מיר גענומען!

**איציק:** װאָס הייסט?

**טודרוס:** דו ביזט נאָך געערבט? דו האָסט איהם יענץ ניט אָבגעגעבען און װילסט שוין ער זאָל דיר געטרויען װייטער? װי עס איז האָב איך שוין געכאַפּט דעם פּסק, מיין שטיקעל באָרד איז שוין דאָרט פאַר אַ משכון.

**איציק:** נו בלייבושע דא, דו מעגסט דיך דא לעגען שלאפען און איך געה צום פריץ; אדיע זאפיע, אויפמוויעדערזעהן. איך בין געלאדען צום פריץ אויף איין אונטערהאלט.

**זאפיע:** אדיע, מיין טהייערער. (אב)

**טודרוס:** פאהר געזונד איציקעל! נאר פאר'ן אוועקפאהרען לאזטו מיר נארנישט איבער? גיב א קוק איך בלייב דא אליין און דו וועסט דיך אודאי ווימען און דיך גוט אונטערהאלטען. האסטו נאר מיט וואס צו שפיעלען?

**איציק:** וואס דארף איך רען? דו ווייסט נישט או צו קארטען בין איך די ערשטע בריאה? עס קען נאך זיין איך זאל אהיים ברענגען א געווינס.

**טודרוס:** יא איך זעה ארוים דיינע גליקען! נאר לאז מיר חאטש איבער עפים צו נעהמען אין מויל אריין.

**איציק:** האסט דאך אודאי איבערגעלאזט א שטיקעל פלייש פון מיין מיטאג? נו עס אויף דאס שטיקעל קאפ וואס ס'איז איבערגע-בליבען. (אב)

**טודרוס:** מיר לאזט ער דאס שטיקעל קאפ, וואס ס'איז איבערגעבליבען! א שיין ביסעל קען איבערבליבען פון אזוינע הונגעריגע וועלף ווי מיר, אוי וואוילע מסחרים מאכען מיר דא אין שטעדטעל. פארשולדיגט ווענען מיר איבערן קאפ, די בעל חובות מאהנען און מיר שווינדלען, נור ווער ווייסט צו דער שווינדעל וועט אונז געראטען? מען דארף זיך זעהן בעציימענס ארויסריקען פון דעם שטעדטיל. ווארן מיר קענען נאך פערפאלען ווערען אין קרימינאל, גאט ווייסט וואס דער סוף וועט זיין, און דא איז נישטו מיט וואס א טאג צו איבערקומען! נו וואס טהוט מען! הונגעריג בין איך ווי א הונד, איך וועל מוזען טהון וואס מיין טאטע האט געטהון, ער האט נישט געהאט אמאל קיין וועטשערע, האט ער זיך געלייגט שלאפען, נישטא פאפא געה לולו! חא חא חא! געהט זיך אונטערהאלטען שפיעלען אין קארטען.

עֶר וֶועט שוֹין דֶערְוֵוייל ווִי עֶס וֶועט זַיין אַ גוּטֶע וֶועטְשֶׁערֶע הָאבֶּען, און דֶערְצוּ אֶפְשָׁר אַ טְרֵיפָה׳נֶע? דֶען זַיין מָאגֶען הַאלְט דָאךְ גָאר נִישְׁט פוּנ׳ם שֻׁלְחָן עָרוּךְ, און מִיר לָאזְט עֶר אַ קָאפּ וָואס עֶס בְּלַייבְּט אִיהם אִיבֶּער.

(טודרוס זינגט).

I.

עֶס אִיז אַ ווִיסְטֶע וֶועלְט אִיהר וַוייסְט פַארְוָואס
אִיךְ בִּין אַזוֹי בַּייז דַארִיבֶּער,
דָאס בֶּעסְטֶע קוּמְט דֶעם בַּעֲלֵי הַבַּיִת
און דֶעם מְשָׁרֵת אַ קָאפּ וָואס בְּלַייבְּט אִיבֶּער.

} ביסס

II.

פִיעל וַוייבֶּעלֶעךְ טְהוּן אוֹיךְ נִישְׁט גְלַייךְ
מֶען מֶעג אוֹיף זֵיי בַּייז זַיין דַארִיבֶּער,
פְרֶעמְדֶע נֶעבֶּען זֵיי לִיעבֶּע אַ סַךְ
און דֶעם מַאן אַ קָאפּ וָואס בְּלַייבְּט אִיבֶּער.

} ביסס

III.

אִין טֶעאַטֶער קוּמְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט —
מֶען מֵיינְט דִי אַקְטֶערֶען וֶוערֶען רֵייךְ דַארִיבֶּער,
נָאר דִי שְׁפֶּעזֶען נֶעמֶען צוּ דָאס גַאנְצֶע גֶעלְד —
און דִי אַקְטֶערֶען אַ קָאפּ וָואס בְּלַייבְּט אִיבֶּער.

} ביסס

**טודרוס:** נוּ, נִישְׁטָא פַּאפַּא גֶעה לוּלוּ! נוּ שְׁלָאף! אוֹי שֶׁעהנֶע מְחַבְּרִים פִיהרֶען מִיר דָא אִיצִיקֶעל, נַא דִיר אַ דֵייטְשׁ מִיט אַ עַוְולָה מְחוּצָף פָּנִים קֶעקֶער, קֶעקֶער אַהִין, קֶעקֶער אַהֶער און קֵיין גֶעלְד אִיז אַלְץ נִישְׁטָא, און דֶער שְׁנַיידֶער מִיט זַיין לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ מַאכְט מִיר גָאר דֶעם מוֹידְט און דִי בַּעֲל־הַבַּיִת׳טֶע מִיט דֶעם מַשָׂא מַתָּן אוֹי אִיז גוּט. שְׁלָאף טוֹדְרוּס, לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע און לֵייג דִיךְ שְׁלָאפֶען. (געשיהט)

(אויפטריט גייסט טודרוס'ס באבע).

**באבע:** מיין טייער איינקעל טודרוס! אזוי ווי איך האב געהערט אויף יענער וועלט דאס זיפצען און דיינע צרות, בין איך געקומען דיר ברענגען א גוטע עצה צו דיינע דאגות, דאס איז א מיטעל צו דיינע בעל חובות, אז זיי דערקוטשען שטארק, — אין דער פריה אז דו וועסט אויפשטעהן וועסטו געפונען צוקאפענס א שופר'ל און אז די בעל חובות וועלען קומען און וועלען אויף דיר אנהויבען שרייען, זאלסטו ארויסחאפען דאס שופר'ל און איהם טהון עטליכע בלאז אין אויער וועט ער אנטלויפען, און שלאף געזונד מיין ליעב איינקעל לאז אויף דיר קומען מיין טאטענס שלאף! (גייסט אב)

**ענגעל האדר:** דו נארישער מענש וואס לעבסטו אויף דער וועלט —
דו פלאגסט דיך אומזיסט אויף דעם ביסעל געלד,
מיט שווינדעל קען מען נישט אויף דער וועלט עקזיסטירען —
דו טהוסט דיך נאר אומזיסט פערפיהרען,
יא, יא, דו ביזט שוין פערלוירען —
פאר א שווינדלער ביזטו נאר געבוירען,
שטעה אויף דו שווינדלער און מאך דיר דיין קונץ —
דו זאלסט נישט דארפען צאהלען דאס ביסאלע מינץ.

# פ א ר ה א נ ג.

ענדע פון ערשטען אקט.

# צְווייטֶער אַקְט.

(אויפטריט איציק׳ל זינגט).

I.

**איציק:** (אליין) אַדְיֶע מַיינֶע קֶערְטְלֶעךְ
אִיךְ מוּז זִיךְ פוּן אַייךְ שַׁיידֶען
אִין מַיין גְרֶעסְטֶער נוֹיטְה
טַיילְט אִיהר מִיר צוּ לַיידֶען
אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דִי קֶערְטְלֶעךְ
וָועלֶען מִיךְ פוּן דִי שוּלְדֶען אוֹיסְקוֹיפֶען } ביסס
יֶעצְט וֶועה אִיךְ אַרוּים אַז אִיךְ מוּז אַנְטְלוֹיפֶען

II.

אַדְיֶע עֶס אִיז שׁוֹין אַנְ׳עֶק
דוּרְךְ אַייךְ קֶערְטְלֶעךְ מוּז אִיךְ פוּן דַאנֶען אַוֶועק
אַ יֶעדֶען גְרַייצֶער וָואס אִיךְ טוּה עֶרְגֶעץ דֶערְטַאפֶּען } ביסס
טְהוּעֶן דִי קֶערְטְלֶעךְ בַּיי מִיר אוֹיסְחַאפֶּען

III.

נָאךְ אוֹיף אַיין זַאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט
צוּ מַיין דָארְפֶס כַּלָּה וָואס אִיךְ גֶעה יֶעצְט בֶּעקוּמֶען פְרִישׁ גֶעלְד

פֿאַלס איך װעהר װאַרט פּערשׂיט און קריעג אויך נישט קיין צאַל
האָב איך מורא איך זאָל נישט דאַרפֿען געהן אין קרימינאַל } ביסס
יעצט װאָס זאָל איך טהון
אין די קאַרטען העלפֿט נישט קיין בעמיהען
די שולדנער װעלען באַלד קומען } ביסס
און קיין געלד האָב איך נישט

(אויפֿטריט שניידער).

**שניידער:** איהר האָט אָבער יאָ

**איציק:** איך האָב אָבער נישט

(אויפֿטריט טודרוס בלאָזט פֿון אַ שופר).

**טודרוס:** אָט האָסטו געלד טררר...

**שניידער:** פֿערבלאָז מיך נאָר נישט טררר. אײַ אײַ אײַ

**טודרוס:** ער רעדט נאָך עס איז נישט גוט

**שניידער:** איהר מעגט מיך חר נדראָן פֿון היינט ביז מאָרגען

**איציק:** איך האָב אָבער נישט
פֿון היינט אָהן זאָלט איהר מיר מעהר נישט באָרגען

**טודרוס:** װערען זאָלסטו דערשטיקט אין דערװאָרגען (טודרוס בלאָזט)

**שניידער:** הרי את מקודשת לי
קומטען זאָל איך ביידע צי (אב)

**איציק:** װאָס איז דאָ פֿאַר אַ נייעס
װאָס איז דאָ געשעהן

**טודרוס:** עס איז מיר אַרוים מיין חיות
מיין באָבע איז ביי מיר די נאַכט געװעהן
צו חלום איז זי מיר געקומען
דאָס שװעהר איך דיר ביי מיין לעבען
אין די אויערען אַריין האָט זי מיר געטהון בלאָזען

דֶעם שוֹפָר הָאט זִי מִיר גֶעגֶעבֶּען
און מִיט דֶעם שוֹפָר וֶועל אִיך דִי שוּלְדְנֶער
בֶּעצָאהלֶען דָאס בִּיסֶעלֶע מִינְץ
נָא, וָואס וָאנְסְטוּ צוּ מַיין בַּאבֶּעס קוּנְץ (ביסס)

**איציה:** כְּלֶעבֶּען עֶס אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט

**טודרוס:** עֶר אִיז שוֹין פֶערְטִיג, בַּיי אִיהם אִיז אַלֶעס רֶעכְט אָבֶּער הָאסְטוּ גֶעזֶעהן ווִי דֶער שְׁנַיידֶער הָאט בַּיי מִיר גֶעשְׁפְּרִינְגֶען. } ביסס

(אויפטריט שוסטער).

**שוסטער:** יֶעצְט בִּין אִיך גֶעקָאמֶען זִי זָאלֶען מִיר צַאהלֶען,
וָאנְסְט וֶוערְדֶע אִיך אִיהנֶען שֶׁעהן זַאגֶען.

**איציה:** אִיך הַאבֶּע אָבֶּער נָאך קַיין גֶעלְד

**שוסטער:** וַוארוּם לֶעבֶּען זִי אוֹיף דֶער וֶועלְט.
אִיך נֶעם אַלֶעס וָואס זִי הַאבֶּען
אָדֶער אִיך שְׁלַאגֶע אִיהנֶען טוֹיד דַאס מַאן ווִירְד
אִיהנֶען גְלַייך בֶּעגְרַאבֶּען. (טודרוס בלאזט)
וַואס מַיינֶען זִי — זִי זִינְד אַ פִּיה (ביסס)
מְהוּעֶן זִי וַואס זִי וָואלֶען
נָא וֶועהר מִיר שוֹין גֶעשְׁוָואלֶען

(טודרוס בלאזט).

**שוסטער:** הֶער דָאך אוֹיף דִי לוּמְפּ

**טודרוס:** דִי בִּיזְט אַלֵיין אַ לוּמְפּ

**שוסטער:** צַאהלֶען צַאהלֶען... (אב)

(אויפטריט משא מתן, גיב איהם).

**משא מתן:** הָאט אִיהר גֶעהֶערְט אַזַא אוּנְגְלִיק
וָואס עֶס גֶעהט דָא בַּיי מִיר פָּאר
עֶס וֶוענֶען גֶעקוּמֶען שְׁווִינְדְלֶערס אַ פָּאר

און מאכען אונז אזאלכע שקאנדאלען
וואס איז דאס פאר א מין קוואהלען (ביסס)
נעמט איך פון א שופר אזא מין בראו
ער קען מיר נאך אויפוועקען דאס גאנצע הויז
נא וואס זשע שווייגסטו כאלערע טייגער

**גיב איהם:** גיב איהם גיב איהם

**טודרוס:** צו ברעך איהם די ביינער

**משא מתן:** וועהמען?

**טודרוס:** טאקע אייער משא מתן

**משא מתן:** די כפרה זאלסטו זיין פאר מיין טאטענס
טאטען (טודרוס בלאזט)

**משא מתן:** אנבלאזען זאל מען איך צום נייעם יאהר
דעם שווינדלער וועל איך אויסרייסען די בארד
עם זאל איהם נישט בלייבען קיין האר (ביסס)
(טודרוס בלאזט).

**משא מתן:** איך וועל מאכען א געשריי
איך וועל איהם לאזען אריינפיהרען אין דער
פאליציי (געשריי פאליציי)

(אויפטריט קאהר).

**כאהר:** וואס איז דא פאר א געשריי
נעמט איהם אלע אין פאטשט איהם אן
וואס איז דאס וואס ער בלאזט אונז אן
ער ענטפערט נישט אויף אונזערע פראגע
גיב די פאליציי
פאליציי פאליציי
דארט וועלען מיר מאכען א געשריי,
א געשריי פאליציי

געשריי פאליציי יא יא יא (אלע אב)

**טודרוס:** נא וואס זאגסטו צו דער באבעס רפואה? איך האב שוין נישט קיין כח פאר לאכען.

**איציק:** זעהר א גוטע רפואה! יעצט וועל איך געהן לייען געלד און אז מען וועט מיך מאהנען וועל איך מיט דעם שופר בעצאהלען.

**טודרוס:** אוי איציקעל מען וועט דיר שוין נישט מעהר לייען קיין געלד דען די האסט דא אין שטעטיל א נאמען פון א גוטען שארלאטאן, און איך האב מורא אז מיט דעם שופר בעצאהלען וועלען מיר האבען א נאמען פון גוטע ליגנערס און גרויסע שווינדלערס. הער מיך נאר אויס איציקעל! דאס איז קיין צוועק נישט, מען מוז זעהן קריגען עפעס געלד און זיך ארויסדריקען פון דעם שטעטיל אויב נישט זענען מיר אומגליקליך, איך וועל נאך דא בלייבען אהן דעם אנדערען שטיקעל בארד ווייל מיר וועלען נאך דא שלעכט אבשניידען.

**איציק:** געבעטען אין די קארטען איז מיר געגאנגען שלים שלימזל.

**טודרוס:** א פנים איין אנדערס מאהל געהט איהם בעסער! ווייט איך קען דיך געהט דיר שלים שלימזל אין די קארטען.

**איציק:** יא וואס הערט זיך מיט דעם שידוך! ביזט געוועהן דארט!

**טודרוס:** נאך אמין געוועהן! מוזט וויסען אז דאס איז א קליינשטעטעלדיגער ב"ב. א גראבער יונג, און האט א קליינשטעטעלדיגע מויד, יענטע דאס ווייב זיינס, געהט אין ספאדעק און זי פיהרט דאס רעדעל, איך האב דיך פארגעשטעלט קליג רייך און געבילדעט, און פון דעם רייכען פעטער איז נאר קיין רעדע נישט! אוי אט געהט די זיערע רפואה און זי וועט אונז טרעפען אזוי אויסגעפיצט, זאל איך זי אויך אנפלוישען!

**איציק:** ניין איך ווייס שוין וואס איך האב מיט איהר צו רעדען!

(אויפטריט זאפיע זינגט).

**זאפיע:** אוי אוי אוי הער מיין וויינען און מיין געשריי
ביטער איז מיר און וועה,
מיין מוטער אוי אוי אוי האט מיך געשלאגען
און האט מיך געשיקט אז איך זאל דיר זאגען
ווי באלד די וועסט מיר יעצט קיין געלד געבען,
אזוי וועט זי מיך אין דער ערד אריין בעגראבען.
איך ציטער יעצט צו הויזע צו געהן צו איהר
זאג מיין טהייערער וואס וועט זיין מיט מיר.

**איציק:** ווייין נישט מיין טהייערער געגוג מיט דיין געוויין,
לאז זיין שטיל.
עס וועט מעהר נישט געשעהן,
בעפרידינגט ווערסטו שוין,
דא קריעגסט שוין דיין לאהן

**זאפיע:** אט דאס זאגסטו מיר
מעג איך עס גלויבען דיר.

**ביידע:** יא יא יא גליקליך וועלען מיר זיין
יא יא יא ערייכען אונזער פלאן,
גליקליך זיין אונזער פלאן יא גליקליך זיין.

**סודרום:** דאס איז אביסעל א שווינדלער, דאס מיידעל איז וועבעך געקומען מיט א געוויין די מוטער האט זי געשלאגען אז מען זאל איהר געבען געלד נא האט ער זיך געשטעלט טאנצען און האט זי געמאכט טאנצענדיג.

**איציק:** נאר נישט וויינען! באלד וועלען מיר האבען א סך געלד וועלען מיר אלע בעצאהלען און מיר ביידע וועלען זיין רייך און גליקליך.

**זאפיע:** וואס ביזטו אזוי אויסגעפיצט? ווי אהין געסטו אדער פאהרסטו? זאג מיר, נאר מיך נישט אב וייל די ווייסט דאך אז איך האב דיך אזוי

ליעב ווי מיין גאנץ לעבען, און צו דער מוטער איז געקומען דער שניידער אין האט געזאגט אז די ביזט א גרויסער שווינדלער.

**טודרוס:** ווען איציקעל זאל האבען שכל וואלט ער איהם אנגעקלאגט פאר עהרענבעלייגדיגונג.

**זאפיע:** פילייכט ווילסטו איוועקפאהרען אזוי נעם מיך אויך מיט?

**איציק:** געה די נאר איך זאל דיך פערלאזען? ליעבער וועל איך איבערלאזען מיין פעטער די שולדען צו בעצאהלען, איך זאג דיר אז איך האב דיך אזוי ליעב ווי מיין לעבען.

**זאפיע:** ווי אהין נעמסטו יעצט?

**איציק:** (צו טודרוס) וואס זאגט מען איהר? זאל איך איהר זאגען אז איך גיה א חתן ווערען?

**טודרוס:** זאל דיך גאט היטען! די ביזט אומגליקליך איך וועל בלייבען הונגעריג, טראכט אויס עפיס א ליגען אבער געשווינד.

**זאפיע:** נא ווילסט מיר נישט זאגען ווי אהין די געהסט?

**איציק:** הער מיך אויס מיין טהייערע! איך האב דיר גאר נישט געזאגט אוי איך בין דאך גליקליך איך האב היינט ערהאלטען א דעפעשע פון מיין אנקעל איך זאל מיך אנפראגען גאלדענע דוקאטען און ענגלישע פונט שטערלינג ווי טהייער איז דער קורס.

**טודרוס:** (אפארט) אוי איז דאס א ליגנער, ער האט נישט א גרייצער אויף עסען אין רעד גאר פון גאלד.

**איציק:** האב איך צוריק דעפעשירט אז מיין אנקעל זאל מיר שיקען דאס געלד מיין ערבטהייל וואס מיר קומט נישט אין גאלד נור אין פאפיער געלד, ווי מיין אנקעל האט פון מיר די דעפעשע ערהאלטען איז ער גיפטיג געווארען און האט מיר צוריק דעפעשירט דאס די דעפעשע האט געקאסט זיעבענעזיבציג גולדען מיט זיעבענעזיבציג גרייצער. און

האט מיר געשריעבען א דעפעשע אז ווי באלד איך וועל נישט נעמען קיין גאלד אזוי וועט ער מיר נישט שיקען קיין געלד.

**זאפיע:** לאז ער דיר שיקען גאלד, גאלד איז בעסער, וואס איז גאלד איז דען שלעכט?

**טודרוס:** חלילה! ווער זאגט דען אז גאלד איז שלעכט? נאר ווי נעמט מען דערוויי יל עפעס צו עסען?

**איציק:** איך האב מיך איבערלעגט איך וועל נעהמען גאלד און וועל דיר מאכען א פאר גאלדענע שיך.

**טודרוס:** חאפען זאל אייך ביידע דער רוח.

**זאפיע:** יא מיין טהייערער עס איז מיר אלעס רעכט, אבער ווי אהין געמטו יעצט!

**איציק:** דער אנקעל האט מיר געגעבען צו פערשטעהן פאר וואס ער קען מיר נישט שיקען קיין פאפיער געלד, דען אזוי פיעל געלד וויעפיל ער דארף מיר שיקען דארף ער האבען אסך בויערן מיט א סך קאסטענס אז זיי זאלען דאס פאפיער פאקען דרינען, און דאס דארף זאך קאסטען א סך שפעזען, און ער איז א גייציגער און וויל נישט מאכען אזוי פיעל שפעזען ווייל דאס געלד איז דאך זייעס, דאן שרייבט ער מיר ער מוז דינגען גרויסע וועגען דאס פאפיער אויפצולעגען און עס מיר צושיקען, און דער מאנאטה צייגט זיך עס זאל זיין גרויסע רעגענס האט ער מורא דאס פאפיער זאל נישט ווערען נאס.

**זאפיע:** זאגושע מיר שוין ווי אהין די ווילסט געהן, פאר וואס ענפערסטו מיר נישט אויף דעם וואס איך פרעג דיך?

**איציק:** יא, איך מוז יעצט אריבער געהן צום באראן איך זאל מיך מיט איהם פערגלייכען ער זאל מיר וועקסלען דאס גאלד אויף פאפיער, ווייסטו שוין וואו אהין איך דארף געהן?

**זאפיע:** איך האב מורא מיין טהייערער איזאק אז די נארסט מיך אב, מיר דאכט זיך אז דאס אין גאנצען איז א ליגען.

**איציק:** נָא בִּין אִיךְ עֶפֶּעס אַ לִיגְנֶער אוּן אִיךְ ווִיל דִיךְ אָפְּנַארֶען? וָואס מִיר וֶועהמֶען נָאךְ הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶענַארְט?

**טודרוס:** חָלִילָה עֶר אִיז קֵיין לִיגְנֶער נִישְׁט. עֶר נַארְט קֵיינֶעם נִישְׁט אָפּ, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ.

**זאפּיע:** נָא, וָואס זָאל אִיךְ יֶעצְט טְהוּן? ווִי אַזוֹי גֶעהט מֶען צוּ דֶער מוּטֶער אַהֵיים?

**איציק:** דִי גֶעה דֶערוַוייל אַהֵיים אוּן זָאלְסְט זָאגֶען דִי מוּטֶער אַז אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען וֶועקְסְלֶען גֶעלְד, אוּן בַּאלְד וֶועל אִיךְ קוּמֶען אוּן אִיהר אָפְּצָאהלֶען צֶעהן מָאהל אַזוֹי פִיעל, אוּן זָאלְסְט אִיהר זָאגֶען אַז אִיךְ ווִיל מִיט דִיר הֵיירַאטֶען אוּן אִיךְ ווִיל בֵּיי אִיהר אֵיינְלֵייגֶען דֶעם נְדָן, אוּן דֶערְוַוייל זָאל זִי מִיר מַאכֶען צֶעהן דוּצֶענְד וֶועש אוּן דִיר אוֹיךְ צֶעהן דוּטְצֶענְד וֶועש. אוּן אִיךְ וֶועל אִיהר שׁוֹין צוּזַאמֶען בֶּעצָאהלֶען אוּן מִיר וֶועלֶען בֵּיידֶע גְלִיקְלִיךְ זַיין.

**טודרוס:** אָט וֶועקְסֶעלְט עֶר גֶעלְד אוּן לָאזְט זִיךְ מַאכֶען וֶועש אוּן הָאט חֲתוּנָה אוּן אִיז גְלִיקְלִיךְ. אִין דֶערוַוייל אִיז עֶר הוּנְגֶערִיג אוּן אִיךְ לֶעבֶּען אִיהם! דָאס הֵייסְט אַ לִיגְנֶער אַז מֶען מֶעג אִיהם אִין דִי צֵייטוּנְג דְרִיקֶען.

**זאפּיע:** וֶועה מֵיין טְהֵייעֶרֶער אַז אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַהֵיים צוּ גֶעהן צוּ דֶער מוּטֶער. פִילֵייכְט אִיז מֶעגְלִיךְ אַז אִיךְ זָאל דָא וַוארְטֶען בִּיז דִי ווִירְסְט אוֹיסְוֶועקְסְלֶען דָאס גֶעלְד אוּן דֶערְנָאךְ וֶועלֶען מִיר בֵּיידֶע אַהֵיים גֶעהן צוּ דֶער מוּטֶער.

**טודרוס:** (אפּארט) זִי ווִיל זַיין קְלוּגֶער פוּן אִיהם. זִי ווִיל שׁוֹין נִישְׁט אָפְּטְרֶעטֶען פוּן דַאנֶען. זִי מֵיינְט אָט הָאט עֶר שׁוֹין גֶעלְד אוּן גֶעהט עֶס וֶועקְסְלֶען. לָאז עֶר זִיךְ קוֹדֶם אִיבֶּערְוֶועקְסְלֶען דֶעם פַּאפִּיעֶרֶענֶעם קְרַאגֶען.

**איציק:** הֶער מִיךְ אוֹיס מֵיין טְהֵייעֶרֶע! אַז אִיךְ וֶועל אַזוֹי פִיעל גֶעלְד וֶועקְסְלֶען וֶועט גֶעדוֹיעֶרְן אַ גַאנְצֶען טָאג אִין דֶערוַוייל וֶוערְט נַאכְט.

און ביי דער נאַכט האָב איך מורא צו געהן מיט אַזוי פיעל געלד,
מען קען מיך נאָך ערמאָרדען, נאָר וואָס דען? די קום אַהער מאָרגען
וועט שוין זיין אַלעס רעכט אין דער בעסטען אָרדנונג.

**זאַפיע:** זאָג נאָר וואָס פאַר אַ קראַגען געהסטו! פון פאַפּיער?

**איציק:** דאָס איז איין ענגלישער קראַגען! איך דאַרף געהן וועקסלען
ענגלישע פונט שטערלינג און אין ענגלאַנד געהט מען פאַפּיערנע
קרעגען האָב איך מיר אָנגעטהון אַ פאַפּירענעם קראַגען נאָך דער
מאָדע.

**זאַפיע:** וועהסטו, מיין טהייערער, איך שוואָג און גלויב דיר אַלעס, וויל
איך האָב דיך ליעב און די האָסט מיר געשוואָהרען טרייע ליעבע ביז
אין טויט אַריין.

**איציק:** איך שוועהר עס דיר נאָך אַמאָהל אַז איך וועל קיינעם נישט
הייראַטען נאָר דיך, נאָר די בלייבסט מיט מיר אויף עוויג ביז אין
טויט אַריין.

**איציק:** די בלייבסט מיט מיר,

**זאַפיע:** איך בלייב מיט דיר,

**איציק:** אויף עוויג דאָ.

**זאַפיע:** אויף עוויג דאָ,

**ביידע:** שוועהר מיר יעצט ביי דער גליקליכער שעה,

**איציק:** יעצט ביזטו מיין

**זאַפיע:** יעצט בין איך דיין

**איציק:** אויף עוויג דיין.

**ביידע:** שווערען מיר יעצט ביי דער גליקליכע שעה

יאָ, נאָר תמיד איינס דאָס אַנדערע געטריי,
דאַן וועלען מיר גליקליך זיין דערביי.
ביסס מיט דעם גאַנצען לעבען שטענדיג שטרעבען,
דאָס איז דער בעסטער פּלאַן,
נאָר ליעבען, וועלען מיר גליקליך זיין, (זאַפיע אַב).

**טודרוס:** יִתְגַדַל וְיִתְקַדַש נָאך די גְרייצֶערס אויף אָהן מַיין שוֹפָר. דָ אִיז שוין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען נָא, וָואס טְהוּן מִיר וַוייטֶער? גֶעהֶן מִיר צוּ דֶער כַּלָה? לויט אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט הָאסְטוּ גֶעהַאט אַ סַך גֶעלְד און הָאסְט גֶעהַאלְטֶען אִין אֵיין וֶועקְסְלֶען? גִיבּ מִיר אויך אַ פָּאר גְרייצֶער אִיצִיקֶעל די בִּיזְט אַ וֶועלְטְס לִיגְנֶער.

**איציק:** וָואס דֶען הָאבּ אִיךְ אִיהר גֶעוָאלְט זָאגֶען? אַז אִיךְ וֶועהר אַ חָתָן אוֹיף אַ פָּאר שָעה! וָואלְט אִיךְ דִי דָאךְ נִישְט גֶעקֶענְט פַּטֶרְ'ן.

**טודרוס:** אָבֶּער ווִי גֶעפִינְט אַ מֶענְש אַזוֹי פִיעל צוּ זָאגֶען?

**איציק:** אַלְזָא קוּם וֶועלֶען מִיר גֶעהֶן צוּ דֶער כַּלָה גִיבּ אַהֶער אַ בַּארְשְט מִיט פִיץ וֶועל אִיךְ מִיךְ אָבְּפִּיטְצֶען.

**טודרוס:** נַא דִיר אַ בַּארְשְט און מַאךְ דִיךְ רֵיין און שֶעהן. נָאר וֶועה אִיצִיקֶעל בַּיי דֶעם מחוּתָן אוֹיסְצוּחַאפֶּען אַ פָּאר גוּלְדֶען אַז מִיר זָאלֶען קֶענֶען אַנְטְלוֹיפֶען פוּן דַאנֶען אוֹיבּ נִישְט וֶועלֶען מִיר זַיין גוּט אוֹיף צָרוֹת. וָוארְ'ן אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אֵיידֶער דֶער פֶעטֶער וֶועט שְטַארְבֶּען וָאל דָאס שְטֶעטֶעל מִיט אוּנְז נִישְט אָבְּשְלָאגֶען כַּפָּרוֹת.

**איציק:** שוין! אִיךְ בִּין שוין פֶערְטִיג. אָבְּגֶעפִּיצְט דִי שִיךְ מִיט דִי שְטְרִימְפְּפֶע צוּזַאמֶען.

**טודרוס:** אַ שֶעהנֶער תַּכְשִיט אִיז גֶעוָארֶען פוּן דִיר! הֶער מִיךְ אוֹיס נָאךְ אֵיין זַאךְ וֶועל אִיךְ דִיךְ בֶּעטֶען! אַז מִיר וֶועלֶען קוּמֶען צוּ דֶער כַּלָה וֶועסְטוּ דָאךְ אָנְהוֹיבֶּען צוּ שִיטֶען מִיט דִי לִיגְנֶעס? זָאלְסְטוּ וִויסֶען אַז דִי וֶועסְט שְטַארְק פַארְקְרִיגֶען וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבֶּען אַ צִיפּ בַּיים רֶעקִיל זָאלְסְטוּ שוין וִויסֶען אַז דִי בִּיזְט שְטַארְק פַארְקְרָאבֶען זָאלְסְטוּ דִיךְ אָבְּלָאזֶען פוּן דֶעם און זִיךְ גֶעהמֶען צוּ אֵיין אַנְדֶערְן לִיגֶען! יָא וָואס טְהוּט מֶען אָבֶּער מִיט מַיין שְטִיק בָּארְד?

**איציק:** שֶעהר דִיר אָבּ דִי גַאנְצֶע בָּארְד.

**טודרוס:** נֵיין, דָאס וֶועסְטוּ בַּיי מִיר נִישְט פוֹילֶען! וֶועהְשֶע דִי זָאלְסְט

וועהן צו קריעגען אַ פּאָר גולדען אַז מיר זאָלען קענען פּלייטען. א גישט וועגען מיר אומגליקליך?

**איציק:** עה, וואס האב איך מורא? וועהמען האָב איך? וועהסטו מיך? אט בין איך פערטיג חתונה צו האָבען אט בין איך פערטיג צו שטאַרבען פאַר הונגער. איך בין צו אַלעמען פערטיג, האָב איך ביי מיר אין דער טאַשע געלד און עס וועט אָנפאַנגען צו ברענען קען איך אַנטלויפען מיט דעם גאַנצען געפּעק. נאָר אַז מען וועט חאַפּען אַ גוטען ברודער דעם שווינדלער אין מען וועט איהם נאָך אַיינזעטצען אין קרימינאַל איז פאַרפאַלען הע? וואס האב איך מורא? וואס האָב איך? אַרעם בין איך אָבער פרעהליך וואס קומט מיר דערפאַר? גוטע ברודער האָב איך אויף מיין פערמעגען צוויי, איינער איז דער דלות און דער צווייטער איז דער שווינדעל. דער דלות בלייבט טאַקע דלות, אָבער דער שווינדלער נעהמט טאַקע אין קרימינאַל אַריין.

(איציק זינגט — מודרוס טאנצט מיט).

I.

**איציק:**

| | |
|---|---|
| אַרעם בין איך נאָר פרעהליך<br>וואס קומט מיר דערפאַר<br>קיין געפּעק האָב איך וועהמען האָב איך<br>איך האָב קיין מורא פאַר געפאַהר. | ביס |

II.

| | |
|---|---|
| דער דלות דער שווינדעל<br>וועגען אַ פּאָר אויף דער וועלט.<br>דער שווינדלער ליגט אין קרימינאַל,<br>אין דער דלות האט קיין געלד. | ביס |

III.

און איך ווידער קען מיך ריהמען
אז מען האט מיר געבראכט פיעל גולדען
דערווייל וועל איך מאכען א פּליטה
און גישט בעצאהלען די שולדען. } פּיס

## פ א ר ה א נ ג.

ענדע פון צווייטען אקט.

# דריטער אַקט.

(אַ גארטען, בויערן, בויערינען, יענטעס טאכטער, טאנצען).

**כאָהר:** עס פְלוישען די צעבער
עס רוישען די בעכער,
געזיעגט האבען מיר ווּבער
טאַקאַיער פְליעסט פון די דעכער.
איידאַ טראַלאַלאַ, טייער פאטערלאַנד (ביס)
דינע קינדער מאַכען דיר קיין שאַנד,
דער וויין צאַפּט זיך אָן פון דער וואַנד
איידאַ טראַלאַלאַ טייער פאטערלאַנד. (ביס)

**פאלא:** גליקליך ברידער זאָגען מיר זיין
איעדער טרינקט זיין גלעזעל וויין,
און ווער עס טרינקט נישט מיט אונז מיט
ברידער דעם פּאַטשט מען אָן גאַנץ גוט.

**כאָהר:** עס פְלוישען די צעבער א. ז. וו.

(אויפטריט יענטע).

**יענטע:** געוואַלד! בעגראַבען זאָלסטו מיך! עס דאַרף קומען אַ חתן און איך לויף ארום דיך זוכען און דו האָסט דיך גאר געשטעלט טאַנצען! געוואַלד! ווי האַלט מען דאס אוים פון די מענשען, בעגראַבען זאָלסטו מיך!

**מהלה:** וואס מאמע א חתן דארף קומען? נו, לאז ער קומען אהער וועט ער מיך טאקע וועהן טאנצען.

**בויער:** וואס איז יענטע א חתן דארף קומען אהער? איהר ווילט איהר חתונה מאכען? לאזט איך וויל מיט איהר חתונה האבען.

**יענטע:** אודאי יא? איך וועל איהר געהן חתונה מאכען מיט א דארפס־מענשען? צו מיר קומט א חתן אוש פון פוריזש. בעגראבען זאלט איהר מיך?

**בויער:** נאר אין פאריזש ווילט איהר מען זאל אייך בעגראבען? מען קען אייך דא שענער בעגראבען, א יא?

**אלע:** יא, יא!

**בויער:** אז נישט הייסט געבען אביסעל וויין!

**יענטע:** ווארטס אוים מיינע ליעבע געסט, ביז וואנען דער חתן וועט קומען וועל איך מאכען א טיש און וועל אנגרייטען א סך עסען און וועל אייך געבען וויין און איהר וועט דארט טאנצען, אנו לאמיך זעהן קען זי שוין טאנצען? (בים: עס פלווישען די צעכער א. ז. וו.).

(אויפטריט רינדאר).

**יענטע:** אוי וועה! ווי האלט מען דאס אוים פון די מענשען, וואס פאר א פנים קען איך מיט דיר האבען פאר מענשען? גאה טוה דיך אן שעהן לאז מען נישט ארויסזעהן אז דו ביזט א קליין שטעטעלדיגער פעלץ, פערגעס נישט אז ער איז פון אזא גרויסער שטאדט.

**רינדאר:** זאל איך אנטהון די שבת׳דיגע קאפאטע, יענטע?

**יענטע:** די שבת׳דיגע און פארשווארץ דיר אביסעל די שטיוועל, קוק דיך אן גאה שוין, (רינדאר אב) און די מויד? קוק זי אן א מין שטעהעניש אזוי שטעהט מען? אזוי האלט מען דעם קאפ? און די הענד האלט מען אזוי דו הערסט, צו ניין? לאז ער האטש נישט ארויסזעהן אז די ביזט א קליינשטעטעלדיגע. און דער נאר האט מיך נארנישט, נאר

דערווייל מוז מען זעהן צו געפעלען, דער יונגער מאן איז א מבין, א קליינינקייט אזש פון פאריז. שטעה גלייך, רעד וועניג און מיט קיין אויג נישט ווארפען.

**מחלה:** צוהאלטען די נויגען?

**יענטע:** פערד! אפען האלטען די אויגען נאר נישט גלאצען מיט די.

(אויפטריט רינדאר).

**רינדאר:** אזוי איז שוין גוט יענטע?

**יענטע:** אזא מזל מיט דיין לשון, ווי ווייט וועניגער רעדען!

(אויפטריט טודרוס).

**טודרוס:** דער יונגער מאן פרעגט צו קענט איהר איהם שוין אויפנעמען?

**יענטע:** מיר זענען שוין פארטיג, איך וואלט אייך שוין געוואלט בעטען עפים שדכן נישט גלייבענדיג, איהר וועט שוין האפען א שערן שדכנות געלד נאר איהר זאלט אונז זעהן צו פארענפערען מיר זאלען נישט אויסזעהן קליינשטעטעלדיגע ווי אזוי נישט גלייבענדיג רעדט ער?

**טודרוס:** ווי אזוי ער רעדט? שבעים לשונות! פראנצעזמעריש, טוטעריש טאלעמנעריש, ציגאנעריש, א קליינינקייט צו איך וועל אייך פארענ־פערען, איך וועל אייך געבען צו פערשטעהן יעדעם לשון וואס ער וועט רעדען, איך וועל איהם בעטען ער זאל רייידען קליינשטעטעל־דיג אויך.

**יענטע:** אזוי נישט גלייבענדיג וואס עסט ער? מיט וואס קען מען איהם אויפנעמען עס זאל איהם בעסער געפעלען?

**טודרוס:** (אפארט) א דא וועט זיך אנהייבען א גוט געשעפט מיט עסען. ער עסט וועניג נאר קאכען מעגט איהר איהם א סך, ער האט ליעב אז עס שטעהט מעהר אויפן טיש, אזוי פלעגט ער זיך אויפפיהרען ביי זיין רייכען פעטער. (מען סלאפט)

**יענטע:** ווער קלאפט דארט? קלאפען זאל אייך אין קאפ!

**טודרוס:** דאס איז ער! אַזוי איז די מאָדע אין אַ גרויסער שטאָדט, אַז מען וויל אַריינקומען קלאַפּט מען אין דריי מאָל.

**יענטע:** ניך נעה עפענען די טהיר!

**טודרוס:** ניין מען נעהט נישט. מען זאָגט אַ געשריי „שאַנדרע!" קומט ער אַליין אַריין.

(אויפטריט איציק).

**אלע:** שאַנדרע!

**איציק:** מיין קאָמפּלימענט.

**יענטע:** מאך אַ פּאַקלימענט.

**איציק:** איך דאַנקע העפלית.

**יענטע:** נישטאָ פאַרוואָס!

**איציק:** איך בעוואונדערע ווי זי וואָהנען אין זאַ איינער קליינען שטאָדט?

**טודרוס:** עס הייסט ער זאָגט אַז דאַ איז דאַ בלאָטעס.

**יענטע:** אַוודאי, ביי אייך אין אַ גרויסער שטאָדט איז נישטאָ קיין בלאָטעס, שדכן, בעט איהם נישט אַזוי שטאַרק דייטש!

**טודרוס:** קבצן רעד יודיש, פאַר מיר איז עס אויך אַ מעלה.

**איציק:** וואס? ביי אונז אין אַ גראָסער שטאָדט זינד די שטראַסען גע-פלאַסטערט, מיט וויענער מילאָנ געשליפען, פערשטעהט איהר מיך און אַז עס מאַכט זיך דאָרט אַ בלאָטע איז זי אַזוי גרויס אַז אַ קליינ-שטעטעלדינער וואָלט דערטראַנקען געוואָרען, נאָר אַ גליק די גרויס-שטעטעלדינע האָבען גרויס גליק ווייל זיי האָבען לאַנגע פיס אויף צעהן עללען די לענג.

**אלע:** פּצי, פּצי, פּצי!

**טודרוס:** וואס טהוסטו? (שלעפּט איהם בייס ראָק)

**איציק:** ניין אויף פינף עלען די לענג.

**טודרוס:** וואס?

**איציק:** וואס זאג איך? אויף צוויי עלען, גיבסט מיך נאך א שלעפ בלייבען זיי ביי מיר אהן פיס, יא, דערפאר וועגען די הייזער אזוי הויך. איך אליין וואוין אויף דעם צעהנטען גרון, און ווען עס איז גוט פינסטער און איך שטעה אויפ'ן גאניק ריהר איך אן מיט דער האנד די לבנה, נישט איינמאל האב איך מיך געשפארט מיט'ן גראף ביסמארק.

**מחלה:** (לאכט).

**איציק:** יא, יא, נישט איינמאל האט מיר ביסמארק געמאכט וויזיטען.

**יענטע:** לאך נישט!

**איציק:** וואס לאכט עפיס אייער טעכטעריל? עס איז אייער טעכטעריל?

**יענטע:** מיין איין און איינציג קינד,

**איציק:** יא, אבער וואס לאכט זי?

**מחלה:** ער האט געזאגט א מיאוס ווארט.

**איציק:** קען זי עפיס שפראכען? לערנען?

**יענטע.** אוי וואס דאס קינד קאסט מיך שוין! שוין דריי חדשים געלע די פערזארגערין געהט אריין און לערנט זי דייטשמעריש, זי קען שוין דאווענען.

**איציק:** יא! אבער עפיס שפראכען?

**יענטע:** שפראכען קען זי נישט, נישט גלייכענדיג, זי האט נישט געלערנט זי האט א גוט קעפעלע זי נעמט איבער אויסענווייניג דעם באדהיי-צערס יונגעל קומט צו איהר אריין האט זי זיך אויסגעלערנט. נישט קשה איהר מענט מיט איהר רעדען, זי וועט נישט פארשעהמט ווערען.

**איציק:** פארלעווא פראנסע מאשער?

**מחלה:** מען זאגט נישט אזוי, מען זאגט מאנשערל.

**יענטע:** פע, טאכטער א פרעמדען מענשען חאפט מען נישט אין קיין גרייז, מען טאר נישט פארשעהמען קיין נאסט!

**איציק:** בראוואָ! קען זי עפּיס זינגען? איך וועל זי לערנען שפּיעלען פּיאַנאָ!

**יענטע:** אַ קעלעכיל האָט זי ווי אַ קאַטשקע, זינג טעכטערל וואָס דו קענסט, ווייז שוין אין גאַנצען אַרוים וואָס דו קענסט.

**איציק:** זינג כלה׳ביל מיינס, שעהם דיך נישט, מיר ווענען שוין היימיש.

**מחלה:** מאַמע וואָס זאָל איך זינגען, אויפ׳ן פּריפּיטשיקעל ברענט אַ פייער׳ל אָדער די טשערישקאַלע געהט?

**יענטע:** זינג וואָס דו ווילסט!

**מחלה:** איך וועל זינגען פון די רעטשעשנע טייגלעך.

**טודרוס:** רעטשעשנע טייגלעך? עס קעהר זיין שעהן.

I.

**מחלה:** (זינגט) נחמן איז צו מיר געקראָכען —
און ווינקט מיר מיט די נויגלעך,
ער האָט געוואָלט איך זאָל אָבקאָכען }
איהם רעטשעשנע טייגלעך. } ביסס

II.

ליעבער נחמן, נחמן גוטער —
דאָס איז דאָך אונמעגליך,
לאָקשען קענסטו האָבען מיט פּיטער }
נאָר נישט רעטשעשנע טייגליך. } ביסס

III.

אַז נחמן האָט יאַ ליעב דאָס מאַכל —
כדי ער זאָל קומען טעגליך
מוז איך איהם אָבקאָכען אַ מאַכל — }
פון רעטשעשנע טייגלעך. } ביסס

**איציק:** בראַוואָ! בראַוואָ! גראַסאַרטיג!

**טודרוס:** וואס דען מיינט איהר, די רעטשעניע טייגליך װענען װעהר גוט ווען זיי זאלען שוין שטעהן אויפ'ן טיש אבגעקאכט.

**יענטע:** אך איז מיר! אז איהר ווילט קענט איהר באלד האבען, וואס איהר ווילט קענט איהר ביי מיר פועלען, ביי מיר איז דא נישט גלייבענדיג פון מילעכדיג'ס.

**איציק:** אה פון מילעכדיגס וויל איך גארנישט הערען וואר'ן ביי אונז אין דער גרויסער שטאדט איז נישטו קיין גוטע מילך ווייל עס רעגענט אפט. און עס איז שוין איין אויסגעקעהרטע זאך אז ווען מען מעלקט די קיה מוז רעגענען.

**טודרוס:** וואס הארט דיך? לאז זי אבקאכען!

**איציק:** הערט איהר? דאס איז דאך טאקע די מכה, דערפאר איז דאך די מילך אזוי שיטער ווייל דער רעגען געהט דורך דארך דער בהמה.

**טודרוס:** קוקט אן ווי מען וואונדערט זיך, איהר האט נאך נישט געזעהן קיין שיטערע בהמות?

**יענטע:** ביי אונז טרעפט זיך דאס נישט! טאמער ווילט איהר פליי-שיקס? זאגט נאר וואס איהר ווילט קען איך אייך שוין אבקאכען.

**איציק:** בראטען מיט קארטאפעל,

**יענטע:** וואס איז דאס?

**טודרוס:** דאס הייסט געבראטענס מיט קארטאפלעס, נאר אין א גרויסער שטאדט רופט מען עס בראטען מיט קארטאפליא.

**יענטע:** עה, דאס איז א קלייניגקייט, וואס נאך?

**טודרוס:** שנייד איציקעל מיר קענען זיך דא אנעסען אויף א צעהן טעג.

**איציק:** קענען זי מאכען איין צושפייז פאן פלאמינעטען?

**יענטע:** וואס איז דאס?

**טודרוס:** דאס איז אַ פּראָסטע ציטעם פּלוימען. נאָר אין דייטשער רופֿט מען עס פּלאַמינעטען מיט אַ סך פּלייש.

**יענטע:** וואס נאך?

**איציק:** פֿיעלייכט אײַנגען נוטען פּילעה? (מחלה לאכט)

**יענטע:** וואס לאַכסטו?

**איציק:** נו, איהר ווייסט נישט? אַ פּילעה! (מחלה, רינדאר לאכען)

**יענטע:** מענסט זאגען טאכטער וואס דו לאַכסט. שעהם דיך נישט.

**מחלה:** ער האט געזאגט אַ מיאוס וואָרט.

**טודרות:** באמת דאס פּערשטעה איך אויך נישט:

**איציק:** דאס איז דאס בעסטע פּלייש פֿונים אָקס.

**טודרוס:** דו קענסט דאך עס אָנרופֿען מיט אַ אַנדערען נאָמען.

**איציק:** ווען פֿון דעם איז דא צו לאַכען וועל איך אייך דערצעהלען אַ געשיכטע וואס מען דאַרף ווייגען נישט לאַכען! איך געדענק נישט אין וואס פֿאַר אַ יאהר דאס איז געוועזען. נאָר דאס געדענק איך אַז דער פֿראָסט האט שטאַרק געבּרענט האב איך מיך אַרויסגעכאַפּט פֿון דער שטיעב אין אַ לייכט רעקעל איז מיר וועהר קאַלט געוועזען. מיין גליק איז מיר געוועזען וואס איך בּין דורכגעגאַנגען דורך דעם שניידער־רישען שילעכיל. אין דער צייט זענען אַלע יודען געזעסען אויף דער ערד און האבען געקלאָגט אויף חורבן בּית המקדש. האב איך פֿאַרשטאַנען אַז דאס איז אַ יום טוב וואס אין די קליינע שטעדלעך רופֿט מען עס תשעה בּאב. און וועהרענד דער חזן האט פֿאַרגעלייגט אַ איבּער אַ היהן און איבּער אַ הון איז חרוב געוואָרען ירושלים און באַמבּעס זענען אַרומגעפֿאַלען. און גראד אין דער צייט האט דער שמש פֿון דער שוהל אַ געגעץ געטהון. איז איהם אַריין אַ באַמבּע אין מויל אַריין. און פֿון דעמאָלט אָן האבען די יודען אַ נדר געטהון אַז אפֿילו אים פּורים און אים חנוכּה זאָלען זיי נישט זיצען אויף דער ערד.

**מחלה:** און וָואס אִיז גֶעוָוארֶען פוּן שַׁמָש?

**יענטע:** לֶעבֶּען זָאל זִי!

**איציק:** דֶער שַׁמָש הֶענְגְט אוֹיף דֶער שְׁטֶעלֶע און גֶענִיצְט מִיט בָּאמְבָּעס און דֶערְפַאר עֶסֶען מִיר יוֹדֶען לָאקְשֶׁען מִיט פּוּטֶער.

**טודרוס:** און מִיר קֶענֶען נִישְׁט אַרוּים פוּן קָאפּ דִי רֶעטְשֶׁענֶע טַיְגְלֶעך.

**יענטע:** נוּ ווִילְט אִיהר שׁוֹין עֶסֶען? אָט גֶעה אִיך שׁוֹין אַרַיינְוַוארְפֶען דִי גְרִיוֶועןֿ!

**איציק:** יָא שְׁווִיגֶער.

**יענטע:** שְׁווִיגֶער... קוּם! (יענטע, מחלה אב)

**איציק:** נוּ שְׁוֶוער, וָואס זִיצְט אִיהר אַזוֹי אִימֶעדִיג? עֶס אִיז גָאר קֵיין וואוּנְדֶער וָואס אִיהר זִיצְט אַזוֹי אִימֶעדִיג. בַּיי אוּנְז אִין דֶער גְרוֹיסֶער שְׁטָאדְט צֶערְשְׁטְרַייט מֶען זִיךְ וֶועהר גוּט! אִיהר זָאלְט זֶעהן מֶען שְׁפִּיעלְט אִין פֶענְדֶער. מֶען מַאכְט קִינְצֶען, אָט קֶען אִיךְ צוּם בַּיישְׁפִּיעל אַ קִינְץ מִיט אַ גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעַ זִי זָאל פֶערְשְׁווִינְדֶען און שׁוֹין זָאל זִי צוּרִיק זַיין! אִיז נִישְׁט דָא בַּיי אַייךְ אַ נַאפָּאלֶעאָן אַ אִימְפֶּערְיַאל (רינדאר גיט איהם א מינצע) אָט אַזוֹי אַלֶעס מַארְשֶׁעע און שׁוֹין נִישְׁט דָא! גִיט מִיר אַ הוּנְדֶערְטֶער אִיךְ וֶועל אַייךְ פוּן אִיהם מַאכֶען צְווַיי, אַלֶעס הָאפּ... און דִי בֶּעסְטֶע קוּנְצֶען וֶוענֶען בַּיי מִיר...

**רינדאר:** עֶהי עֶה! מַיין גֶעלְד גִיבּ אַהֶער דִי, אַלֶע פְּרַאשֶׁעע!

(אויפטריט יענטע).

**יענטע:** וָואס אִיז דָאס? וָואס אִיז דָא גֶעוֶוען? שְׁטוּם זִיךְ אִין גֶעהַאקְטֶע ווִינְדֶען! אַזוֹי רֶעדְט מֶען מִיט גֶעסְט? (צום קולים) קוּמְט אַרַיין שֶׁעהמְט אַייךְ נִישְׁט, (געסט ערשיינען, — יענטע שטעלט פאר) דָאס אִיז דֶער כַּלָה'ס פֶעטֶער, דֶער כַּלָה'ס מִיהמֶע.

**איציק:** וָואס ווִילְט אִיהר? וֶועדְלוּג אַ קְלֵיין שְׁטֶעדְטֶעל אִיז דָאס אִיךְ גֶענוּג בַּיי מַיין רַייכֶען פֶעטֶער פְלֶעגֶען בַּיים טִישׁ בֶּעדִיענֶען וֶועלְף מִיט

לייבען מען פלעגט עסען די יויך פון די ברילאנטען, פלוצים איז מיר געבליעבען שטעהן א ברילאנט אין האלדז אלע האבען זיך דערשראקען און מען האט געשיקט נאך א דאקטאר, נו שטעלט אייך פאר א גליק, דער דאקטאר האט מיר ארויסגעשלעפט אזא גרויסען ביין!

**יענטע:** איהר האט דאכט זיך געזאגט ברילאנטען?

**איציק:** הערסטו, ווי דען געפונט מען ברילאנטען אז נישט אין ביינער?

**טודרוס:** לאז מיר שוין זיין פאר דיינע ביינער.

**איציק:** האט איהר א גוט ביסעלע וויין? לאמיר פארגעסען אין אלע צרות. איך זאל מיך וועלען דערמאנען אז מיין פעטער ליגט אויפ'ן טוידטען בעט, אט וועל איך אייך פארזינגען.

(איציק זינגט).

I.

אז איך דערמאן מיך אז מיין פעטער
ליגט אויפ'ן טוידטען בעט און קראפיט,
אז ער האט פאסט קיין אטהעם,
קוים וואס ער סאפיט.
נישט איין נאכט האב איך מיין קושען
מיט טרערען בעקאפיט.
עס קען שוין זיין,
ער איז אין דער ערד אריין,
איך וועל בעקומען א בריעף —
אז ער ליגט שוין טיעף, טיעף, טיעף,
אט דא וועט זיך אנהויבען א פרייד —
מיין ירושה איז שוין גרייט,
איך וועל ווערען רייך — געלד א סך —
וועל איך האבען גאר אהן כח.

אַדו וועט זיין אַ שפּיעל —
מיר וועלען פיעל
טאַנצען, זינגען און שפּרינגען. } ביס
פראַ פּלאַ, פראַ פלאַ,
פראַ פלאַ, פלאַ, פלאַ, פּאַם, פּאַם, פּאַם
פראַ פלאַ, פראַ פלאַ,
פלאַ פלאַ, פלאַ, פלאַ, פלאַ.

II.

אַ מענש וואָס האָט אין זיין לעבען
אַזוי פיעל פערדיענט,
און זיך אַליין האָט ער קיינמאָל נישט פערגינט,
וואָס שוואַנט איהר מיינע טרערען —
פליכט שטאַרקער און רינט.
אָבער מיט דעם געלד וואָס וועט טהון —
ער וועט פערלאָזען די וועלט.
און וועט געהן אַהין, אַהין, אַהין,
אַדו וועט זיך אָנהייבען אַ פרייד.
מיין ירושה איז שוין גרייט. א. ז. וו.

**איציק:** נו איז נישט גלייכער מען זאָל פאַרגעסען אין אַלע יסורים! אַזוי פיהרט מען זיך ביי אונז. מען טרינקט אוים מען געסט און און אום דאָס עסען זאָל נישט שאַטען מוז מען אויף זיך האָפּען אַ טענציל, מען מעג יאָ קענען נישט קענען איך וועל איך דאָס אויסלערנען אויפן אָרט.

די בלהבי'ל שפּהנם די שטעל דיך דאָ
לעבען מיין רעכטער זייט,
און איהר פעטער מיט דער מיהמע

שטעלט איך דא נישט ווייט,
און איהר ליעבע מחותנת'טע
נעמט איך אן דעם שוועער.
און אז איך וועל אהין אריבערגעהן
זאלט איהר געהן אהער.
ט יעצט צו ביסעלעך –
הייבטזשעט פיסעלעך
שפרינגט און זינגט אויך דאביי, ביס
גיך: גיך׳ לעבעדיג מונטער לעבעדיג
טאנצט און שפרינגט אויך דאביי. (טאנץ.)

## פארהאנג.

ענדע פון דריטען אקט.

## פיערטער אקט.

(ווידער אין האטעל צימער — איציקעל זיצט און זינגט, טודרוס נעבען איהם).

**טודרוס:** וואס זינגסטו איציקעל? קום לאמיר בעסער מאכען א פליטה. וואר'ן דער רינדאר דער שווינגערפאפא וועט געוואהר ווערען וועגען מיר אומגליקליך, האסט בעסער אוועקגעשריעבען א בריעף צום פעטער?

**איציק:** האסט מיך גוט דערמאנט איך האב איהם געשריעבען אז...

**טודרוס:** שטעה! איידער די דערצעהלסט מיר וויל איך קודם נעהמען א שטיקעל קרייד און פערצייכענען אלע ליעגענס וואר'ן איך קען שוין אזוי פיעל נישט געדענקען אויף מיין קאפ.

**איציק:** פאר א כלה שאמלעפעלם טאכטער? (טודרוס לאכט) וואס לאכסטו?

**טודרוס:** נא דיר א נאמען שאמלעפפעל, איין ליעגען.

**איציק:** און איך נעם 777.777 רענדלעך נדן.

**טודרוס:** צוויי ליעגענס מיט לויטער! בעגערם.

**איציק:** און ער זאל קומען וועל איך ביי איהם איינלייגען דעם נדן.

**טודרוס:** איך האב געמיינט דעם דלות.

**איציק:** אין דאס געלד פון דעם שוויעגערפאפא אויף שפעען, און אז ער וועט קומען וועט שוין אלעס רעכט זיין.

**טודרוס:** מיר דאַכט זיך די בעל-חובות גייען שוין ווידער!

(אויפטריט בעל-חובות).

אַט האַט איהר דעם וואַגאַבונד אַט דעם שאַרלאַטאַי
וואָס ער איז אונז שולדיג אַזאַ סך געלד
זעהט ווי ער האַט זיך פאַרשטעלט
נאַ כאַפּט איהם גיך און זעצט איהם איין
נאַ כאַפּט איהם גיך און זעצט איהם איין.

**איציק:** נאַ וואָס לאָזט אַראָב די נאָז.
נאַ טודרוס בלאָז.

**קאָהר:** אַהאַ אַהאַ עס העלפט שוין נישט קיין בלאָזען
אַט זעהט אַט שטעהט שוין דאָרט די פּאָליציי.
אַט האַט איהר דעם וואַגאַבונד א. ז. וו.

**טודרוס:** עס איז איין אומגליק דער שטן האַט מיר דעם שופר פאַרשטאָפּט. הער איציק דאָ העלפט שוין נישט קיין חכמות.

**אלע:** נאַ נעמט איהם.

**פּאָליציימאַן:** קומט קומט

**איציק:** שאַט איך האָב שוין געלד! נאָר איידער איך צאָהל אייך אויס אַזוי פיעל געלד וויל איך פון אייך מאַכען איין אָרקעסטער מוזיק! איהר וועט שפּיעלען וואַלין, איהר וועט שפּיעלען פּיקאָלי. איהר וועט שפּיעלען קלאַנעט א. ז. וו.

**שוסטער:** און איך וואָס וועל איך שפּיעלען?

**איציק:** ד' וועט דעם שפּיעלען קאָנטראַבאַס! אַלזאָ פּיאַנאָ!
צו נעהמען געלד בירביבים בירבאַם
נוט באַשטעלט
נוט געגעהמט
קעשעגעס ברייטע מאַך אַ פּליטה
מאַך אַ פּליטה מאַך אַ פּליטה (אב)

**טודרוס:** קיין גריי‌צער וועט איך נישט פעהלען,
איהר וועט מיער ווערען פון ציילען
איהר זאָלט נאָר האָבען גרייטע
קעשענעס ברייטע
מאַך אַ פּליטה מאַך אַ פּליטה (אב)

**שניידער:** וואס ביר־בעמקוט איהר? ער האָט שוין געמאַכט אַ ויּלך לעולמים.

**שוסטער:** דאס הייסט איין שפּיצבוב

**שניידער:** אַ בובע זאָל שוין פון דיר ווערען, קומט לאָמיר זיי נאָכלויפען זובען (לאָזען זיך געהן)

(אויפטריט איציקעל פעטער).

**איציק:** אָט איז דאָ דער פעטער! איך האָב די עהרע פאָרצושטעלען מיין פעטער.

**פעטער:** איציקעל ווער זענען די מענשען? און וואס טהוט דאָ דער פּאָליציימאַן ביי דיר.

**איציק:** דאס זענען מיינע בעלי־חובות וואס זענען מיר געלד שולדיג, זיי פיהרען מיך אָב פון איין טאָג אויפ'ן אַנדערן, האָב איך זיי געבראַכט מיט דער פּאָליציי! וואס טהוט איהר פעטער?

**פעטער:** די הויט זאָלסטו נעהמען פון זיי

**איציק:** וואס דען מיינט איהר איך שווייג זיי? קומט פעטער לאָמיר געהן אין יענעם צימער אַריין אַ קליינינקייט זייט מיר האָבען זיך שוין נישט געזעהן (ביידע אב)

(אויפטריט טודרוס).

**טודרוס:** אָבער עס וועט שוין זיין געלד האַ? אַצינד הער איך אַיך שוין נישט! וואס פאַר אַ גאָלדענער פעטער דאס איז, ער האָט געהערט אַז זיין איינציגער יורש איציקעל איז דאָ פאַרשולדיגט האָט ער זיך

קראנקערהייט אויפגעהויבען פונם בעט און איז איהם געקומען אויסליין! ער איז טאקע קראנק און אויף זיך זשאלעוועט ער, אבער ווענען זיין איציקעל איז גאר נישט טהייער, אט וועלען מיר שוין האבען געלד.

**כאהר:** דער פעטער איז געקומען
דאס איז דאך א בשורה א גוטע
איהר האט אייך נישט צו קאהלען
ער וועט אייך שוין בעצאהלען
בעצאהלען ביז אין א פרוטה
גאט זיי דאנק דער פעטער איז געקומען
וואס זאגט איהר צו דער גדולה
ער וועט אייך צאהלען מיט מזומן
און מיט פראצענט אפילו.

(ביסס) (ביסס) (ביסס)

(אויפטריט איציקעל פעטער).

**איציק:** נא מיינע ליעבע לייט, יעצט ווענט איהר שוין געדעקט! איהר זעהט דאך אליין ווי איך האלט ווארט, דאז זיך דער פעטער אביסעל אויסטהון איהר וועט קומען אין א פאר שעה וועט איהר אייערס בעקומען נאך מיט פראצענט (צום פעטער) צוליעב אייך פעטער שענק איך זיי דאס מאהל און וועל זיי נישט מאהנען.

**פעטער:** איך פערשטעה דיך נישט איציקעל וואס טהון פארט ביי דיר אזוי פיעל מענשען?

**איציק:** איך האב דאך אייך שוין געזאגט פעטער לעבען אז דאס זענען מיינע בעלי־חובות וואס זענען מיר געלד שולדיג.

**פעטער:** אזוי? נעהט אהיים עם וועט אייך גאר נישט שאדען, אז מען איז שולדיג מוז מען בעצאהלען.

**שניידער:** איהר הערט וואס דער פעטער זאגט? אז מען איז שולדיג מוז מען בעצאהלען, קומט קומט (אלע אב)

**טודרוס:** בַּעַל הַבַּיִת'טע גֵעהט בְּרֶענְגְט דֶעם פֶּעטֶער עֶפֶּעס צוּ עֶסֶען.

**פעטער:** וָואס הֶערְט זִיךְ וָואס טהוּסְטוּ עֶפֶּעס טודרוס בִּיזְט נָאךְ אַלֵיין אַזאַ שְׁווִינְדְלֶער?

**טודרוס:** אַיי פֶּעטֶער לֶעבֶּען אִיהר וָאלְט דָאס אוֹיף מִיר זָאגֶען? גְלַייבְּט מִיר וִוי אִיךְ בִּין אַ יוּד מִיט בָּארְד אִין פֵּאוֹת... וָואס זָאג אִיךְ? אִיךְ הָאבּ דָאךְ נָאר אַ הַאלְבֶּע בָּארְד, אִיךְ הָאבּ אַיְיעֶר אִיצִיקֶעל אָבְּגֶעהִיטֶען וִוי אַיין אוֹיג אִין קָאפּ. בַּעַל-הַבַּיִת'טע בְּרֶענְגְט עֶסֶען דֶעם פֶּעטֶער.

(אויפטריט באסע).

**באסע:** וָואס'זְשֶׁע פֶּעטֶער ווִילְט אִיהר עֶפֶּעס עֶסֶען?

**פעטער:** אִיךְ ווִיל עֶסֶען.

**איציק:** אִיהר מֶעגְט דָא עֶסֶען אִין טְרִינְקֶען אוֹיף מַיין קָאנְטֶע עֶם וֶועט אַייךְ קַיין גְרֵייצֶער נִישְׁט קָאסְטֶען! בַּאסֶע וָואס הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעוָואלְט בֶּעטֶען? וַוייזְט מִיר אַייעֶרֶע אוֹירִינְגְלֶעךְ וַוייל אִיךְ ווִיל מַיין כַּלָּה אוֹיךְ קוֹיפֶען אַזוֹינֶע.

**באסע:** נַאט אַייךְ נָאר אִיךְ בֶּעט אַייךְ הִיעט זִי מִיר גִיט אָבּ. וַוייל דֶעם מְשֻׁא מַתָּן הָאט מִיר מַיין מַאן גֶעבְּרַאכְט פוּן עֶנְגְלַאנְד, אָט גֵעה אִיךְ בְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּעטֶער עֶסֶען (אַב)

**איציק:** זֶעהט אִיהר פֶּעטֶער דִי אוֹירִינְגְלֶעךְ הָאבּ אִיךְ גֶעבְּרַאכְט דֶער כַּלָּה אַ מַתָּנָה הָאבּ אִיךְ זֵיי הַיינְט גֶעשֶׁעצְט הָאבֶּען זֵיי אִין וֶוערְטָה פִינְף הוּנְדֶערְט רוּבֶּעל! אֶפְשַׁר הָאט אִיהר צְוַויי הוּנְדֶערְט רוּבֶּעל לַייעֶט מִיר אוֹיף זֵיי וַוייל אִיךְ הָאבּ קַיין קְלֵיין גֶעלְד, לוֹיטֶער טוֹיזֶענְדֶער.

**פעטער:** אַנוּ לָאמִיךְ אוֹיךְ זֶעהן דִי אוֹירִינְגְלֶעךְ.

**איציק:** (אפארט צו טודרוס) הֶערְזְשֶׁע מִיךְ אוֹים טודרוס! אִיךְ נֶעם בַּיי אִיהם צְוַויי הוּנְדֶערְט רוּבֶּעל בַּאלְד וֶועלֶען קוּמֶען דִי בַּעַל-חוֹבוֹת מָאנֶען גֶעלְד אוּן עֶר וֶועט דָאךְ זֵיי אַוַודַאי נִישְׁט וֶועלֶען גֶעבֶּען וֶועלֶען זֵיי

לויפען אין דער פאליציי? לאמירזשע זיך ביידע פארשטעלען פאר צוויי פאליציסטען און מיר וועלען נאך האבען געלד אויך! וועהזשע מאך דא גיעך איין ענדע און קום מיר נאך אונטער דער שטאדט וואַרט איך אויף דיר

**טודרוס:** איציקעל די קענסט דאך אוועק מיט די צוויי הונדערט רובעל איך זאל נישט וויסען ווי דיין געביין איז אהין געקומען?

**איציק:** דאס וועל איך נישט טהון, איך וועל דאך מיין בעסטען פריינד נישט לאזען דא.

**פעטער:** אוי, וואס פאר א שעהנע אוירינג דאס איז, ווען ער איז א נוטער שענקט ער זי מיר! נאר וואכזשע דען צוויי הונדערט רובעל מעג איך אויף זיי געבען! איציקעל נאר איך (גיט איציקלען געלד) בעט דיך פאר די צוויי הונדערט זאלסטו מיר אבגעבען דריי הונדערט לאז זיך דיר דאכטען אז די האסט זיי געלינען ביי א פרעמדען.

**איציק:** וואס זענען נאהר דריי הונדערט רובעל? מיין גאנץ פערמעגען גיב איך אייך, אבער פעטער זאל איך לאזען גריסען דער כלה פון אייער ווייט?

**פעטער:** אבע ס'קאסט קיין געלד נישט.

**איציק:** ניין עס קאסט נישט (אב)

**פעטער:** וואס ברענגט מען מיר נישט קיין עסען? טודרוס היים מיר אריינברענגען עסען.

**טודרוס:** וואס זאל איך הייסען? מען גיט א קלאפ אין טיש וועט מען אייך ברענגען! איהר מעגט עסען און טרינקען עס איז שוין בעצאהלט פאר צוויי מאנאטה (פעטער קלאפט) דאס איז א קארגער. אפילו א קלאפ פערגינט ער זיך נישט צו טהון (ער קלאפט)

(אויפטריט באסע).

**באסע:** וואס ווילט איהר עסען פעטער? פיש? זופפע? בראטען?

פעטער: גיט מיר א שטיקאלע פיש!

טודרוס: (אפארט צו באסע) גיט איהם פיש נאר א סך ער וועט אייך שוין צאהלען.

(אויפטריט באסע ברענגט פיש).

פעטער: (עסט) אוי וואס פאר א טהייערע פיש דאס איז, יעדעס ביינדעל איז צוקער זיס (ווארגט זיך)

טודרוס: וואס איז פעטער?

פעטער: אוי א ביינדעל.

טודרוס: גיעט עס ארויס.

פעטער: איך בין נישט געוואוינט ארויסצוגעבען, גענוג געגעסען פיש הייס ברענגען זופפע (טודרוס קלאפט)

(אויפטריט באסע מיט זופפע).

באסע: אט האט איהר זופפע! נאר בלאזט ווייל עס איז הייס.

פעטער: (עסט) אוי א טייער ביסאלע זופפע. אוי אוי אוי מיין צינג...

טודרוס: א מצוה! ווער הייסט אייך האפען? איהר ווייסט פעטער אז עס קען זיך אייך אריין האפען די בראנד אין דער צינג? קומט וועל איך אייך צולעגעז קאלטע קאמפרעסען (ער פיהרט איהם אב אין קומט צוריק) אדא וועט זיך אנהייבען א וועלט פון עסען (ער קלאפט).

באסע: אט האט איהר פלייש (אב)

טודרוס: מען דארף וועהן גיעך אבצועסען און געהן צו איציקלען, חובות וועט שוין דער פעטער צאהלען (ער קלאפט)

באסע: אט האט איהר בראטען (אב)

טודרוס: בראטען מיט קארטאפלעס ריק טודרוס! ניין דאס דארף מען בעהאלטען אויף שפעטער אויך אביסעל (ער שיט אין קאפעלוש)

באסע: אט האט איהר צימעס פלוימען אב

**טודרוס:** צימעס פלאמינעטען ריק טודרוס ווי ווייט די קענסט (קלאפט)

(אויפטריט באסע).

**באסע:** וועה איז מיר איך האב אייך שוין גאר נישט וואס צו געבען, חלעבען איך האב שוין גאר נישט.

**טודרוס:** אביסעל צו שפייז.

**באסע:** וואס פאר א צו שפייז? ווער צושפייז? וועה איז מיר דאכט זיך עס איז טודרוס אוי וועט איהם באלד נעהמען דער רוח (אב)

**טודרוס:** אזוי דער רוח וועט מיך נעהמען? לאמיך רופען דעם פעטער ער זאל עסען אביסעל פלאמינעטען (ברענגט דעם פעטער) פעטער עסט אביסעל פלוימען ביז די יויך וועט זיך אויסקיהלען! פעטער לעבען איך געה צו דער כלה זאל איך לאזען גריסען פון אייערט וועגען? (אב)

**פעטער:** אבע עס קאסט גאר נישט קיין געלד.

(אויפטריט באסע מיט א בעזעם).

**באסע:** נא דיר צושמיים, נא דיר צושמיים (שלאגט איהם)

**פעטער:** אוי וועה איז מיר די האסט מיר שיער די ביינער צובראכען.

**באסע:** אוי וועה פעטער איהר זענט עס גאר? זייט מיר מוחל איך האב געמיינט עס איז טודרוס. איהר ווייסט נישט וואס פאר א מין שווינדלער דאס איז זייט מיר מוחל.

**פעטער:** ווען די גיבסט מיר נאך א פאר קלעפ וואלט שוין נישט געוועהן וועהר עס זאל דיר מוחל זיין.

**באסע:** קומט טהייערער פעטער וועט איהר אייך לייגען שלאפען.

**פעטער:** יא איך וועל שוין שלאפען אזוי ווי נאך א באד (ביידע אב)

(אויפטריט יענטע רינדאר מחלה זאפיע שניידער שוסטער בעל-חובות באסע).

**באסע:** שאט ער שלאפט.

**שניידער:** איך זאג אייך באסע עס איז נישט גלאטיג עס איז קדוש.

**באסע:** וואס הייסט?

**שניידער:** די חברה וועגן שווינדלערס, זיי האָבען געמאַכט אַ פּליטה,
און דער פעטער ווייזט מיר אויך צו זיין על גלוים ועל שאינו גלוים אַ
צעבראָכענעם וואָלט איך אויך נישט געגעבען פאַר איהם, ווייל ער
איז פון אויבען ביז אַראָב שלג וקיטור.

**יענטע:** פאַר עטליכע טאָג איז דער יונגער מאַן געוועהן ביי מיר און האָט
זיך געשדכ'ט צו מיין מיידעל, און האָט אויפגענאַרט ביי מיין
מאַן געלד.

**זאפיע:** אויך מיר איז ער שולדיג.

**שוסטער:** דאָס איזט איין שפּיצבוב.

**באַסע:** וויים איך וואָס עס קריכט מיר גאָר נישט אין קאָפּ אַריין.

**יענטע:** אייך דאַכט זיך אַז דער פעטער האָט עפּים? האַלעווייַ איך זאָל
ליגענט זאָגען.

**שניידער:** מיר האָט אַ חיות דערצעהלט אַז ער האָט זיי געזעהן
אַנטלויפען פון דאַנען, קוקט אייך נאָר צו צו דער פעטער איז דאָ, צו
האָט ער נישט געמאַכט די ברכה ברוך שפּטרני.

**באַסע:** ער שלאָפט.

**כאָהר:** נאָ וועקט איהם אויף
שטעהע שוין אויף די פעטער.
**באַסע:** וועקט נישט לאָזט איהם שלאָפען. ביסס
**כאָהר:** מיר האָבען געוואַרט גענוג געוואַרט.
**באַסע:** איך האָב אויך געוואַרט.

**שניידער:** ועל כולם סלח לנו כפּר לנו! דערפון וועט גאָר נישט זיין
לאַמיר איהם וועקען אַ יעדער באַזונדער.

**זאפיע:** איך וועל איהם וועקען.

**זאפיע:** (זינגט) מיר מענשען פון די קליינע שטעטאלעך
קליינע שטעטאלעך
וועגען פראסטע לייט.
אבער די פון די גרויסע שטעטאלעך
גרויסע שטעטאלעך
וועגען גוט פערשייט
יענעמס ניטס צו בענעהרען
דאס פערשטעה איך נישט
ווי קענען זיי אנשלאפען ווערען
רוהיג די מינוט
שטעהט אויף
שטעהט אויף שטעהט אויף
מיר מענשען פון די קליינע שטעטאלעך
קליינע שטעטאלעך
וועגען נישט איבריג קלוג
אבער די פון די גרויסע שטעדטאלעך
גרויסע שטעדטאלעך
וועגען שלעכט גענוג
יענעמס גוטס צו בענעהרען א. ז. וו.

**שוסטער:** איך ווערדע איהם וועקען! דער וועגצעל קאמט דער וועגצעל קאמט דער וועגצעל איז שוין דא הודאדו דאדא-הודאדי דאדא שוהע האבען וויר גענוג און קיין געלד איזט נישט דא — הודאדי דאדא הודאדי דאדא.

**שניידער:** אוועק איך וויל איהם וועקען! פתח לנו שער די נישט קיין נאר וועסט האבען דערפאר חבלי הלילה — קינדער לאמיר איהם אלע וועקען.

**קאָהר:** עס מוז שוין נעהמען יעצט א סוף,
א יעדער דארף געלד
מיר געהען אלע און וועקען איהם אויף
א יעדער דארף געלד און געלד,
עס וועט נישט העלפען קיין אנבעטען
מיר וועלען איהם נישט אבטרעטען.
א יעדער דארף געלד
א יעדער דארף געלד און געלד
געלד געלד געלד.

**באסע:** עס איז קיין דרך ארץ איהם אויפצוּוועקען
וועקט נישט לאזט איהם צורוה
ווארט ער וועט אליין אויפשטעהן,
אליין נאר אהן מיה

**קאָהר:** עס מוז שוין נעהמען א. ז. וו. (ביז צור סאלא)

(אויפטריט פעטער)

**פעטער:** וואס איז דא הא?

**שניידער:** קוק אהן גלייך ווי ער ווייסט גאר נישט, איהר ווייסט גאר נישט אז אייער איציקעל האט ביי אונז געבארגט געלד און האט אונז צוגעזאגט אז דער פעטער וועט שטארבען וועט ער אונז צאהלען, און צום סוף האט ער גאר געמאכט א שהלך לעולמים.

**פעטער:** איך פערשטעה איך נישט.

**שניידער:** קוקט אהן ווי ער מאכט זיך כי לא נאה כי לא יאה — איהר אליין האט דאך אונז צוגעזאגט אז איהר וועט אונז צאהלען, אט איז דא דער שוסטער לאז ער זאגען, וואס שווייגסטו הרחב פיך לעמאלע?

**שוסטער:** יא וואהל יא וואהל.

**פעטער:** געוואלד ווי בין איך דא צווישען גנבים? וואס ווילט איהר פון מיר?

**שניידער:** קוקוריקו אויפן בוידעם! אונז רופט ער גנבים, מילא יענע שווינדלערס וועלכע אנטלאפען און איהם האבען ויי געלאזט דא פאר א משכון, ער אליין איז ביי אונז אין די אויגען ווערט על עליהם ועל שאנו עליהם אויף טריפה׳ס א צעבראכענעם שארבען, און איז אנגעשטאפט מיט פיפערנאטערלעך א סך, האלטס איהם דא און איך געה רופען די פאליציי. (אב)

**שוסטער:** יאוואהל, יאוואהל!

**יענטע:** איז דאס א יושר? מיר וועגען נישט גלייכענדיג קליינשטעטעלדיגע מענשען מען זאל פון אונז חוזק מאכען? ראשית פערשווינדעלט ער מיין מאן און זאגט איהם ער וועט איהם שלעפען הונדערטערס פון דער נאז, צווייטענס האט ער זיך געשדכנ׳ט צו מיין מיידעל און געזאגט ער וועט זי נעהמען פאר א כלה!

**פעטער:** אוי פאר דעם מיידעל האט ער געקויפט די אורינג?

**באסע:** וועה איז מיר עס איז דאך גאר מיין משא מתן וואס מיין מאן האט זי מיר געבראכט פון אוסלאנד.

**פעטער:** אוי איציקעל איציקעל! נישט איינמאל האסטו מיך אבגענארט, נישט איינמאהל האסטו ביי מיר געלד אויסגעפאפט נאר אויף אזא שווארצען סוף האב איך מיך נישט גערעכט, יעצט וועל איך נאך דארפען צאהלען וואס אנדערע האבען געגעסען.

**באסע:** נא, אין דאס וואס איהר האט געגעסען דארפט איהר נישט צאהלען?

**פעטער:** וואס? דאס אויך צאהלען? אויסקרענקען זאל איך דאס עסען, די כפרה זאל איך ווערען פאר דעם געלד היינטיגען טאג אין צאהלען וועל איך נישט.

אויפטריט שניידער.

**שניידער:** הודו לא קרא לא אט געהט א פאקראליק מיט א צילענדער.

אויפטריט שודרוס איציקעל (אלס פאליציסטען).

**פעטער:** וועה איז מיר קינדער לאָזט מיך צורווה מיט דער פּאָליציי האָב איך נאָך קיין מאָהל נישט געהאַנדעלט. אָט גיה איך נעהמען געלד (אָב)

**שניידער:** (זינגט) לאָמיר זינגען אַלע אינאיינעם
על אלה אני בוכיה
מיר האָבען דערלעבט אַ פיינע כּשר׳ה מציאה
האָבען וועלען מיר אַלע אַצינד געלד, געלד —
אָנהייבען וועט זיך פאַר אונז אַ נייע וועלט.
געלד און ווייטער געלד
אַצינד מעגען מיר אַלע אינאיינעם
טאַקע געהן טאַנצען
וויל מיר וועלען שוין בּעקומען
אונזער געלד אינגאַנצען.

**שניידער:** אַהאַ מען טראָגט מען טראָגט געלד!

(אויפטריט פעטער צאהלט אויס יעדען).

**פעטער:** אוי אוי איציקעל! אַ שעהנע חתונה האָסטו מיר אויפגעשפּיעלט! נאָר פונדעסטוועגען ווען איך האָב איהם דאָ וואָלט איך איהם פערציהעט ווייל איך האָב איהם זעהר ליעב דעם שנָק.

**זאפיע:** אַזוי פּעטער ווען איהר האָט אַדאָ איציקעלען וואָלט איהר איהם פערציהעט?

**פעטער:** יאָ וואָרן די חובות האָב איך שוין סיי ווי סיי בּעצאָהלט.

**איציק:** פּעטער!! פעטער!!

**פעטער:** הער נאָר די שנָק איינער! ווי לאַנג וועסטו ביי מיר געלד צאַפּען?

**איציק:** דאָס איז שוין געוועהן דאָס לעצטע מאָהל! פּעטער! איהר ווייסט שוין סיי ווי סיי אַלט צו וואָס ניצט אייך דאָס געלד? נייט ביי מיר וו

לאנג איהר וועט לעבען נאר מאכט מיך חתונה מיט דעם מיידעל.

**מחלה:** נא מאמע און איך וועל נישט חתונה האבען?

**איציק:** יא! איהר וועט חתונה האבען מיט מיין שותף טודרוס. און איך שענק אייך מיין העלפט נדן.

**יענטע:** אזא שדכן וועט איהר געווארען.

**איציק:** הכלל פעטער וואס זאגט איהר? מאכט איהר מיר חתונה מיט דעם מיידעל?

**פעטער:** וואס זאל איך טהון? איך מוז דאך דיך חתונה מאכען, ווארין אז איך וועל דיר נישט געבען די גרייצערם מיט נטען וועסטו מיר ווייטער אבטהון עפעס א שפיצעל, לאז גאט העלפען קינדער עם זאל זיין אין א גוטער שעה.

**יענטע:** בעגראבען זא ווי זא!

**פעטער:** איהר זאלט אייך עלטערן אין עושר אין כבוד. נאר איהר זאלט נישט ציטערן איבער דעם געלד דעם טהייערען שאטץ ווארין עם וועט עם ביי אייך אויפנאשען די קאטץ.

I

**איציק:** צו מיין אנקעל וואס זאגט איהר
ווי איך האב איהם געדיענט נוט
זיין גאנץ פערמעגען איז שוין ביי מיר
זיך פערגינען האט ער נישט
אזא סוף האבען אלע גייציגע
וואס קארגען זייער שאטץ
די פערגינען זיך נישט דאס נעטהיגע
נאשט עם אויף די קאטץ.

קאהר ביס

II

אבנעהמען א חוב אין היינטיגער צייט
ווי האט מען דאס געהער'ט
נאר דאס פערמעגען וואס איהר האט
איז אייך געוועהן בעשער'ט
ווען א קויפמאן שרייבט אייך ווערקסלען אונטער
אין צייגט אייך זיין שאטען
פונקט צור צאהלונג בלייבט ער ארונטער
ווייל ער האט א נאש געטהון ווי א קאטץ.

קאהר ביס

III

מיין ליעב ווייבאלע הער מיך צו
וואס איך זאג דיר פאר
פאר דיין מאן זאלסטו דיר געבען די מיה
און איהם ליעבען נאר
איך זאג עס דיר פאר אונמיסטען
זאלסט שעטצען נאר דיין שאטען
ווייל עס קען זיך דיר נאך פערגליסטען
א נאש צו טהון ווי א קאטץ.

קאהר ביס

**פ א ר ה א נ ג**

**ענדע.**

## פערשיעדענע.

| | K | h |
|---|---|---|
| אַננא קאַרענינא | — | 70 |
| אוריאל אקאסטא, לערנער | — | 60 |
| אבאלע אשכנזי | — | 70 |
| אידישער פריץ שמ"ר | — | 50 |
| אייזיק שעפטיל, פינסקי | — | 80 |
| אייביגער יוד, הייערמאן | — | 20 |
| אלגעמיינער שטרייק, שטיפט | — | 50 |
| ארבייט און קאפיטאל | — | 60 |
| איטשע מאיר צו די וואהלען | — | 20 |
| אייביגע ליעד, אַרנשטיין | — | 40 |
| בר כוכבא, גאָלדפאַדען | — | 60 |
| באַבע מיט'ן אייניקעל | — | 60 |
| בחורים, איין אַקטער, | | |
| פון קאַצענעלזאָהן | — | 45 |
| בן הדור, הארוויטץ | — | 70 |
| בית דוד, " | — | 60 |
| בוסתנאי, אויערבאך | — | 60 |
| בת שבע, א דראמא אין | | |
| 5 אקטען טהורש | — | 60 |
| נעבראכענע הערצער, | | |
| ז. ליבין | — | 70 |
| גליק'ס פערגעסענע, פינסקי | — | 30 |
| ד"ר אַלמאָסאַדאָ גאלדפאדען | — | 60 |
| דעקאדענט איין-אַקטער, | | |
| פון קאַנצענעלזאָהן | — | 45 |
| דאָרא, שליפערשטיין | — | 60 |
| דוד אין דער וויסטע, | | |
| עפעלבערג | — | 60 |
| דאס ברענענדע הויז | — | 70 |
| דער דאָקטאָר, שלום עליכם | — | 30 |
| די יודען, טשירקאוו | — | 80 |
| די וועבער, הויפטמאן | — | 80 |
| דער שדכן, עפעלבערג | — | 30 |
| די עגונה, לערנער | — | 70 |
| דער הונגער, יושקעוויטש | — | 70 |
| די מוטער, שטיינבערג | — | 70 |
| דער גט, שלום עליכם | — | 30 |
| הערצאלע מיוחס, ריכטער | — | 60 |
| הדסה די חלוצה | — | 70 |

| | K | h |
|---|---|---|
| ווילנער בעל הבית'ל | | |
| ארנשטיין | 1 | — |
| זשידאָווקא, לערנער | — | 60 |
| זשאן און מאדלענא, מירבא | — | 70 |
| חפני ופנחס, שארקאווסקי | — | 70 |
| **חנה'לע די נעהערין** | — | 70 |
| **טאטע מאמעס צרות** | | |
| פון געבעל | — | 50 |
| ישיבה בחור, גארדאן | — | 70 |
| יודישע אקטיארען אויף רייזע | — | 45 |
| כישוף-מאכערין, גאָלדפאַדען | — | 60 |
| כל נדרי, שארקאנסקי | — | 70 |
| א מענש זאל מען זיין שור | — | 70 |
| לעצטע חשמונאים וואהלמאן | — | 70 |
| **מאטי מלך דער סטאליער** | | |
| דראַמע פון קאָרנבליט | — | 70 |
| משה היט, ריכטער | — | 60 |
| מזל טוב, שלום עליכם | — | 30 |
| משיח'ס צייטען, גאָלדפאַדען | — | 60 |
| נאכן שטרייק, טשורני | — | 45 |
| עקידת יצחק גאָלדפאַדען | — | 60 |
| עתליהו, הארוויטץ | — | 50 |
| עזריה גבור חיל | — | 70 |
| פאר טאג, וויטער, | — | 50 |
| צווייעט און צושפרייט, | | |
| שלום עליכם | — | 80 |
| צווייטער המן, שמ"ר | — | 70 |
| קאספער, וויסענבערג | 1 | — |
| קאָקעטטע דאמען, שמ"ר | — | 60 |
| קעניג אחשורוש גאָלדפאַדען | — | 60 |
| קעניג הורדוס, לאנדוי | — | 70 |
| קבצענזאָהן עט הונגערמאנן | — | 60 |
| קוני לעמעל, גאָלדפאַדען | — | 60 |
| רעפעטיציע, רייזען | — | 20 |
| רות, א דראמא אין 5 | | |
| אקטען, טהורש | — | 60 |
| שושנה, א דראמא אין | | |
| 5 אקטען, טהורש | — | 60 |
| שולמית, גאָלדפאַדען | — | 60 |
| שלום בית, ריכטער | — | 60 |

# BUCHHANDLUNG AMKRAUT & FREUND, PRZEMYŚL

| | K | h |
|---|---|---|
| שמענדריק, גאָלדפאַדען | — | 40 |
| שמע ישראל, דימאָוו | — | 70 |
| שבת קודש, פיינמאַן | — | 70 |
| שטן אין גן עדן | — | 70 |
| על נהרות בבל | — | 70 |

| | K | h |
|---|---|---|
| בערעק יאָסעלאָוויטש | — | 70 |
| גאַברי און די פרויען, פינסקי | 1 | — |
| מיט זיעגער פאהנען, פינסקי | — | 60 |
| יענקעל דער שמיעד פינסקי | 1 | 40 |
| יודישע נשמה | — | 70 |

## אויסצוג פון אונזער הויפּטקאַטאלאָג איבער
## די נייעסטע זשאַרגאָן ליטעראַטור

(פרייזע: קראָנען און העללער)

### יובילעאום'ס אויסגאַבע.

| | K | h |
|---|---|---|
| שלום עליכם'ס נייעסטע ווערקע | | |
| דריי בענדע | 6 | — |
| י. ל. פרץ'ס נייעסטע ווערקע | | |
| צוויי בענדע | 5 | — |
| א. רייזען'ס נייעסטע ווערקע | | |
| דריי בענדע | 8 | 50 |
| שפּעקטאָר'ס שריפטען | | |
| צוויי בענדע | 5 | — |
| שלום אש, יונגענד | 1 | 50 |
| 〃 〃 אַ שטעדטיל | 1 | 80 |
| 〃 〃 ערצעהלונגען | | |
| 〃 〃 מאָטיווען | | |
| פינסקי, זשאַרגאָן פרעמד- | | |
| ווערטערבוך | 2 | 50 |
| גראַמץ יודישע געשיכטע | 7 | 50 |
| דינעזאָן'ס וועלט געשיכטע | | |
| 4 טייל | 5 | — |
| 〃 הערשעלע ראָמאַן | 1 | 20 |
| 〃 〃 יאָסעלע | 1 | — |
| 〃 〃 אבן נגף | 2 | — |
| א. רייזען, קונסט און לעבען | | |
| 3 טייל | 2 | — |
| 〃 〃 לידער פון לעבען | 1 | 25 |
| 〃 〃 צייט לידער | — | 60 |

| | K | h |
|---|---|---|
| פּעטער פיני מיט דער מומעס רייזע | — | 15 |
| פישל דער מלמד | — | 20 |
| גימנאזיע | — | 15 |
| פערשפּיעלטער ל"ג בעומר | — | 15 |
| גרינס אויף שבועות | — | 15 |
| דאס טעפיל | — | 15 |
| באַשערט א אומגליק | — | 15 |
| האָדל (טוביה מילכיגער) | — | 30 |
| אנ'עצה | — | 20 |
| ביים דאָקטאר | — | 15 |
| א גרינגער תענית | — | 15 |
| געציל, אַ מעשה מיט נים | — | 15 |
| א מלך מיט צוויי מלכות | — | 15 |
| כפרות-שטרייק | — | 15 |

### שלום עליכם'ס נייע ביבליאָטעק.

| | K | h |
|---|---|---|
| פעסאלע דעם רבי'נס | — | 15 |
| פינף און זיעבציג טויזענד | — | 45 |
| אלמנה נומר 1 | — | 15 |
| 〃 〃 2 | — | 15 |
| 〃 〃 3 | — | 15 |
| דער דייטש | — | 15 |
| א ווינגרישנער בילעט | — | 45 |
| שמואליק | — | 15 |
| יוסף דער דזענטעלמאן | — | 30 |
| שפרינצע | — | 15 |
| די יורשים | — | 15 |
| מיט'ן עטאַפּ | — | 45 |

### שלום עליכם'ס ווערקע

(אויסגאַבע אין העפטען)

| | K | h |
|---|---|---|
| פונ'ם פריזון, מאָנאָלאָג | — | 15 |

בעשטעללונגען ווערען געגען אַנגאַבע רעסט נאַכנאהמע, פינקטליך עקספּעדירט